STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09892

DI BORVESE VOKH

Kehos Kliger

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קעהאָס קליגער

די באַרוועסע וואָך

קעהאס קליגער

די פאדוועסע וואד

לידער און באלאדעס
1957 - 1937

פארלאג חברשאפט · בוענאס איירעס · 1972

שער־בלאַט און צייכענונגען — לעאָן פּאָך

פּאָרטרעט פון מחבר — אַל. ווייַנשטיין

אַרויסגעגעבן מיטן דער הילף פונעם
„קאַרל ראָטמאַן ליטעראַטור־פאָנד״ בייַם
אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס,
ניו־יאָרק, 1971

דאַנקשאַפט

דער מחבר
דריקט אויס אָנערקענונג
און אַ האַרציק-חברישן דאַנק
אַלע זיינע פריינד
פון דער גרופּע
„חברשאַפט",
וואָס האָבן מיט זייער
ליבשאַפט
צו יידיש לשון און שאַפן
און מיט זייער
נישט-געשפּאָרטער מי
דערמעגלעכט,
דאָס דאָזיקע בוך
זאָל קענען דערשיינען.

דער מחבר

מיין פרוי
און מיינע טעכטער



דבֿ סדן

אַ פּאָעט צווישן ווילנע און אַרגענטינע

א

די קלײנע אָבער אָנגענעמע געמיטלעכקײט, וואָס עס פֿאַרשאַפֿט געווײנטלעך אַ ליטעראַטור־לעקסיקאָן, אינפֿאָרמירנדיק וועגן די עיקר לעבנס־דאַטעס און שאַפֿנס־סטאַציעס פֿון אַ מחבר, קען זיך דער לײענער, וואָס אינטערעסירט זיך מיט קעהאָס קליגער, נישט פֿאַרגינען, ווײַל דער אַלטער ווילנער לעקסיקאָן וואָס האָט נאָך פֿון אים נישט געקענט וויסן, — דער באַנד, וואָס איז כולל דאָס אות קוף איז אַרויס, ווען אונדזער דיכטער איז שוין אַפֿילו אַלט געווען אַ האַלבן יובֿל יאָרן (1929), און האָט שוין געשריבן, צומערשט העברעיִש, האָט אָבער יִדיש דעבוטירט אין רשות־הרבים קאַרגע דרײַ יאָר שפּעטער (1932). ווײַטער דער נײַער ניו־יאָרקער לעקסיקאָן גײט, מיט זײַן לעצטן באַנד, וואָס דאַרף כולל זײַן דאָס דאָזיקע אות, שווער צו קינד. מוז זיך דער לײענער באַנוגענען מיט דער ידיעה, אַז דער דיכטער איז געבוירן געוואָרן אין לודמיר (1904), זיך דאָ געכאָוועט אין אַ ציכטיקער אָרעמקײט פֿון בני־טובֿים, געלערנט אין ישיבֿות, איבערגעלעבט די ערשטע מלחמה און אירע נאָכווײען, און אין צוויי און דרײַסיקסטן לעבנס־יאָר אַוועק קײן אַרגענטינע, אַרומגעוואַנדערט סײַ דאָרט, סײַ אין אַנדערע לענדער פֿון לאַטײַן־אַמעריקע (טשילע, בראַזיל), און זיך באַזעצט אין בוענאָס אײַרעס, ווו ער האָט זיך דערוואָרבן נאָמען און פּרעסטיזש פֿון אַ רעפּרעזענטאַטיוון דיכטער אויף יענער יִדיש־יבשה. דאָ איז, בײַ זײַן גאַנצער מאָביליטעט, זײַן סטאַבילער פּונקט, זײַן ישיבֿת־קבֿע, און אַ נסיעה קײן צפֿון־אַמעריקע, אָדער די נסיעה קײן ארץ־ישׂראל, כאָטש סײַ די אײנע און בפֿרט די אַנדערע, זענען היפּש ניכּר אין זײַן פּאָעזיע, זענען נישט משנה דעם כאַראַק־

טער פון דאָזיקן קביעות, אַזוי אַז דער באַצייכן: ייִדיש־אַרגענטיני־
שער דיכטער טרעפט טאַקע אין סאַמע פינטל פון זײַן שאַפערישער
בריהשקייט.

ב

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט זיך, חלילה, אויסגעטון פון
זײַן היים, אָפּשטאַם, וואָס איז זײַן עצם־שורש, וועלכן ער האָט מיט
זיך געבראַכט און נישט געוואָלט און נישט געקענט אויפגעבן, ווײַל
אָן אים וואָלט ער בכלל נישט געווען ער, פונקט ווי אַ יעדער אַנדע־
רער ייִדישער דיכטער, וואָס פאַרוואָנדערט אין אַ ווײַטן ישוב, איז
נישט ער גופא, נאָר עפּעס אַ פאַרוואָגלט שפּרײַ, אַ חוזק פאַר יעדן
ווינט און זײַנע קאַפּריזן, אויב ער דערהאַלט נישט די וועלט, וואָס
ער האָט אין זיך מיטגעבראַכט, און בלײַבט נישט געטרײַ איר געדע־
כעניש, זי זאָל קענען סײַ באַוווּסט סײַ וויזיאָנאַר, באַשטיין אין דער
וועלט, אין וועלכער ער האָט זי אַרײַנגעבראַכט. עס איז אַ האַרטער
צוזאַמענשטויס און לאָזט זיך נישט דערלײַכטערן דורך פשרות, וואָס
רעדן זיך אײַן צו זײַן אַ סינטעז; פאַרקערט, עס איז ווי אַ שטענדיק
אַנטיטעטיש געראַנגל, ווי די אויבערשטע שיכט פון שפּעטערע אי־
בערלעבענישן שטויסט זיך צוזאַמען מיט דער אונטערשטער שיכט פון
די גרונטיקסטע איבערלעבענישן און צווישן ביידע שיכטן ליגט אַ
תהומיקע ווײַט, וואָס שאַפט אַ געשפּאַנטקייט, וועלכער עס קומט
אָן גאָר שווער, פסיכיש און אַפילו פיזיש, לאַנג אויסצוהאַלטן. אַוודאי
איז קליגער נישט דער ערשטער און נישט דער איינציקער ייִדיש־
דיכטער, וואָס ראַנגלט זיך שאַפעריש מיט דער דאָזיקער סתירה. די
ענלעכע, צומאָל כמעט אידענטישע, ביאָגראַפיע, פון ייִדישע דיכטער
אין אונדזער דור, פּירט דערצו, אַז דער דאָזיקער קאָמפּלעקס איז אַ
מין צד השווה, בשעת דער כאַראַקטער און אופן פון דער שאַפערי־
שער רעאַקציע אויף אים איז דער צד השונה. און עס איז די אויפגאַב
פון דער קריטיק זיך אין דעם קנויל פון פאַרשיידנקייטן פונאַנדערצו־
קלויבן, כדי אַ יעדן פאָדעם פון באַזונדערקייט אַרויסצוהויבן.

ג

גענוג, דוכט זיך, אַן אויבנאויפיקן קוק דערלאַנגען אויפן ענין און
סדר פון קליגערס ביז־איצט אַרויסגעגעבענע לידער־ביכער, כדי באַ־
שײַנפּערלעך צו זען, אַז די דאָזיקע סתירה פערמענטירט זײַן דיכטע־
רישן פּראָצעס, און ווען ער וואָלט נישט געפונען קיין דרך זי צו לייזן,
וואָלט זי צעזעצט די עצם מעגלעכקייט פון אַ שאַפערישן אויפבוי.

דער אויבנאויפיקער רושם פון דעם אויבנאויפיקן דורכקוק איז, אַז די לייזונג גייט אויפן וועג פון סעריאַלן בײַט — נאָך אַ בוך וואָס זײַן עיקר־טעמע איז נעכטן, קומט אַ בוך וואָס זײַן עיקר־טעמע איז הײַנט, אַנדערש געזאָגט: נאָך אַ טעמע, וואָס איר וועלט איז וויַט, אָדער געוועזן, קומט אַ טעמע, וואָס איר וועלט איז נאָענט, אַזוי אַז די קאָנ־צענטראַציע אויף דער זיך סעריאַל בײַטנדיקער טעמע און איר וועלט, לאָזט די ווידעראַנאַנדיקע שיכטן פון איבערלעבעניש זיך, לפּחות, צײַטווײַליק, אוסטאַטקעווען.

ד

איז עס אַ שטיקל תּשובה, אָבער טאַקע ווי אַ טאָפּעלע אויבנאויפיקייט דערלאַנגט זי, און מען קען זי העכסטנס באַנוצן ווי אַ מין אַריאַדנע־פאָדעם זיך אין דעם לאַבירינט אַ קאָפּ טיפער אַרונטערצולאָזן, כּדי זיך עפּעס מער צו זײַנע פֿאַרשלונגנקייטן צו דערבײַוועגן. דאָ שטעלט זיך אַרויס, אַז אַפילו מיר מעגן אָננעמען די הנחה פון סעריאַלן בײַט — מוזן מיר זייער געוואָרנט זײַן, נישט אַרײַנצופאַלן אין אַ חשד, אַז דאָס איז אַ פּשוט און פּראַקטיש מיטל, אויף אַ צײַט־שפּאַן, פון איין סתירה־פּאָלוס פּטור צו ווערן, כּדי זיך דעם אַנדערן סתירה־פּאָלוס אָפּצוגעבן, אַזוי אַז דער טעמאַטישער קאָנצענטער גייט אָן מיטן כּוח פון אַ קלוגינקן פּאָרטל, וואָס אָפּעורירט מיט אַ פּראָוויזאָרישן דיספּענס פון איין סתירה־קאָמפּאָנענט צוליב אַ פּראָוויזאָרישער פּאַוואָריזאַציע פון אַן אַנדערן סתירה־קאָמפּאָנענט. וואָרן ווער עס דערקלערט אַזוי די דערמאָנטע הנחה, איז נישט בלויז אַ חושד בכשרים, נאָר ער הויבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין, אַז אַפילו בײַם געלונגנסטן סעריאַלן פֿאַרבײַט פֿאַרטרײַבט נישט דער צד הנגלה פון ווערק דעם צד הנסתר פון ווער־קער. אמת, דער צד הנגלה פון ווערק ווײַזט זיך אויס ווי אַ בחירה לטובת איין איבערלעבערישער שיכט, און אַ גזירה אויף אַן אַנדערער, סותרדיקער, איבערלעבערישער שיכט, אָבער עס איז נישט דער צד הנסתר פון ווערקער, וואָס אַלע איבערלעבערישע שיכטן אין זייער גאַנצער סתירהדיקייט טומלען זיך שטענדיק אין זײַן באַוווסטזײַן און פֿאַנטאַזיע, און אויף וויפל ער זאָל זײַן ווערק נישט צווימען אין זײַנע טעמאַטישע גרענעצן, כאַפּט דער נסתר אַרײַן אין דעם נגלה.

ה

און ווידער איז עס די אויפגאַב פון דער קריטיק זיך נישט צו באַנוגענען מיט אויסצוהערן דאָס וואָס שפּרודלט הויך, אָפן און קלאָר

אין די שורות, נאָר זיך אײַנהערן אין דעם וואָס ריזלט שטיל, פֿאַר־באַהאַלטן און שימערנדיק צווישן די שורות. האָט דאָך שוין פֿרויד געבראַכט דעם משל וועגן חילוק צווישן פֿיזישן שטח און פּסיכישער טיף; די שטאָט רוים, זאָגט ער, פֿאַראַן אין איר אַלטס און נײַעס, נעכטיקס און הײַנטיקס, אָבער דאָרט ווו עס שטייט אַן אַלט געבײַ קען נישט שטיין קיין נײַ געבײַ, און דאָרט ווו עס שטייט אַ נײַ געבײַ, קען נישט שטיין אַן אַלט געבײַ, אָבער אין דער פּסיכע שטויסן זיך אַלע שיכטן צוזאַמען, אָבער שטויסן זיך נישט אַרויס. דער נמשל דערצו איז, אַז דאָס איז חל אויפֿן איבערלעבערישן זכרון, וואָס איז די באַזע פֿאַר שאַפֿערישער וויזיע און ווו די איבערלעבערישע שיכטן שטויסן זיך צוזאַמען, אָבער אַפֿילו ווען דער שאַפֿער שטרענגט זיך גאָר אָן אויף אַרויסצושטויסן איין שיכט לטובת דער אַנדערער, ווערט דער מאַניפֿעסטער אַרויסשטויסער נישט פּטור פֿונעם לאַטענטן אַרויסגע־שטויסענעם, און עס געהער אַ פֿײַן אויער דערצו, צו הערן נישט בלויז דעם אָפֿענעם ניגון, נאָר אויך, און אַמאָל: בעיקר, דעם באַהאַלטענעם קאָנטראַ־ניגון. אונדזער ליטעראַטור־קריטיק פֿאַרמאָגט אַפֿילו אַזאַ אויער, אָבער זי האָט עס, לעת־עתה, לגבי קליגערן, נישט באַנוצט — מעגלעך מחמת דעם, וואָס זי האָט זיך צומייסט באַנוגנט מיט אַקטואַלע רעצענזיעס וועגן דעם און יענעם בוך זײַנעם, וואָס איז אָקערשט אַרויס, און גאָר זעלטן קאָנפֿראָנטירט עטלעכע, לא כל שכן אַלע ביכער זײַנע. בײַ אַזאַ באַשטאַנד געהער אַ כוללדיקע קריטיק נישט צו די לײַכטע זאַכן, בפֿרט ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז פֿאַר אַן אויסשעפּנדיקער תשובה אויף אונדזער פּראָבלעם איז נישט גענוג דורכצופֿאָרשן די נײַן ביכער, וואָס ליגן שוין פֿאַר אונדז, לויט זייער סדר און זייערע ענינים, נאָר עס פֿאָדערט זיך נישט בלויז אַ קאָמפּלעטערער דורכקוק פֿון דעם, וואָס איז נאָך נישט אָדער שוין נישט אַרײַן אין טאָמען, נאָר אויך אַ סטריקטערער דורכקוק פֿונעם פּובליצירטן מאַטעריאַל, לויט זײַן סדר און זײַנע ענינים. ווער עס ווייסט די פּרוכפּערדיקייט פֿון אונדזער דיכטער, ווייסט אויך וואָס פֿאַר אַ שטיק מלאכה עס פֿאָ־דערט זיך דערבײַ, אָבער לגבי דעם ווערט פֿון אַ דיכטער לוינט זיך אַ יעדע וואָג פֿון דער מי זי צו דערגרונטעווען.

ו

אויב איך דערלויב מיר צו מאַכן דעם ערשטן באַזאַכטן טריט צו אַזאַ כוללדיקן באַנעם, איז עס דערפֿאַר, וואָס איך בין, כמעט אַ דריט־האַלבן יובל יאָרן, נאָכגעגאַנגען זײַן שאַפֿערישן וועג, אָדער פּשוט געזאָגט: איך האָב אים געלייענט, לויטן סדר פֿון זײַנע לידער אין דער

טאָג־פרעסע און פעריאָדיק, אַזוי אַז די ביכער זײַנען זענען פאַר מיר געווען אַ חידוש, נישט מחמת זייער עיקר־תוכן, ווי מחמת זייער רעם, און צומאָל אויך דאָס נישט, — האָט ער דאָך עטלעכע ביכער, בפרט די וואָס שטעלן פיר אַ טעמאַטישן קאָמפּלעקס, געלאָזט פריִער, כמעט ווי זיי שטיין און גייען, לויפן אין דער פרעסע, נאָך מער, אַפילו נאָכן אָפדרוק פון אַ טעמאַטישן קאָמפלעקס אין בוך־טאָוולען, גייט עס אָבער־אַמאָל אין המשכים, אין דער פרעסע, אַ זאַך וואָס געהער צו די ביבליאָגראַפישע זעלטנקייטן.

וואָס עס לאָזט זיך דרינגען פון אַזאַ סאָרט טאָפלנעם לייענען פון אַ מחבר און זײַנע חיבורים, איז אַ גאַנצע מסכתא פאַר זיך, און מיר וועלן זיך לעת־עתה פאַרנעמען מיט עטלעכע סוגיות.

ז

די ערשטע סוגיה איז טאַקע דער ענין פון סעריאַלן בײַט — אויב אין ערשטן בוך „געזאַנג אויף דער ערד" (1941), ווי דער דיכטער טאַפּט נאָך דעם שטעגן צו זײַן אייגנקייט, ווײַזט זיך אונדז אויך ווי אַ פאַספאָרט מיט אַלע וויזעס און טראַנסוויזעס, איז נאָך דאָס טעמאַטישע אָפגעגרענעצט און דאָס וואָלינער דאָרף און שטעטל־עלנט ווינט כביכול נאָענט לעבן אַרגענטינער גרויסשטאָטישן גאַסן־עלנט, אַזוי אַז נאַלעווקעס און קאָריענטעס האָבן דאָס זעלבע פנים, און דער פאַמפאַ־וואַגאַבונד שטעלט זיך ווי אַ המשך פון וואָלינער לירניק, און דער ווײַטער פייזאַזש בײַם בוג אַנטפּלעקט זיך אין ענגן שכנות מיט דעם נאָענטן ווילדן פייזאַזש אַרום לאַ־פלאַטאַ, פילט זיך אין סאַמע בוך דער טעם פון אַן אויפטייל, וואָס איז אַן אָנזאָג פאַר אַ שאַרפערער דיפערענציאַציע, וואָס וואָלט מסתמא אַ סך בולטער געווען אין „מיט לײַב און לעבן" (1943), ווען צווישן דעם דיכטער און זײַן דיכטונג זאָל זיך נישט געווען אַוועקשטעלן דער אידעאָלאָגיש־רעוואָלוציאָנערער אײַנשטעל, וואָס האָט זײַן קאָנקרעט געשטאַלט געפונען אין דער סאָוועטאָפיליע, פונקט ווי עס האָט זיך פריִער צווישן דיכטער און זײַן דיכטונג אַוועקגעשטעלט דער סענטימענטאַל־ראָמאַנטישער אײַנשטעל, וואָס האָט זײַן קאָנקרעט געשטאַלט געפונען אין דער אוקראַיִנאָפיליע.

ביידע אײַנשטעלן זענען דעמאָלט געווען שכיח אין טיילן פון דער ייִדישער ליטעראַטור — דער ערשטער אין אַ גאָר ברייטן היקף, כמעט אין אַלע ייִדישע ישובים, דער אַנדערער אין אַ שמאָלן היקף, בעיקר אויף די אוקראַיִנישע שטחים, וואָס זענען געווען אונטער דער פוילישער מאַכט, סײַ די וואָס האָבן פריִער געהערט צו רוסלאַנד — וואָלין, סײַ די וואָס האָבן פריִער געהערט צו עסטרײַך — מזרח־גאַ־

ליציע. דאָ האָבן זיך אויך בײדע אײַנשטעלן צונויפגעטראָפן, סײַ דער אידעאָלאָגיש־רעוואָלוציאָנערער, סײַ דער סענטימענטאַל־ראָמאַנטישער און דער צוזאַמענטרעף האָט זײַן אויסדרוק געפונען, אין וואָלין אין דער דיכטונג פון קאָוולער קלמן ליס, אָדער טריסקער ברוך אָליצקי, און אין מזרח־גאַליציע אין דער דיכטונג פון דער פּאָדליסקער רחל קאָרן, אָדער מילניצער ישראל אַשענדאָרף. דאָס שכנות פון יידישן שטעטל און גויישן דאָרף, דאָס רעגיאָנאַל־בשותפותדיקע פון פּייזאַזש, פאָלקלאָר, מעלאָס האָבן געשאַפן אַ פאַרמיש פון פרעמדקייט און היימישקייט, בפרט אַז מען האָט פאַרגעסן, וואָס מען האָט מיט אַ צוויי־דרײַ דורות צוריק געדענקט, מען האָט אויפגעהערט כ׳ סיון צו האַלטן תענית און זאָגן סליחות, און אַלט־חסידישע יידן האָבן אַרײַנגעלייגט כוונות אין מנהג פון דעם און יענעם רבין אַרײַנצופלעכטן גויישע ווערטלעך, און נעאָ־חסידישע יינגעלײַט האָבן זייער אוקראַינאָפּיליע אַנטעדאַטירט, און זיך אָנגעכאַפּט אין אַ הוריות וועגן אַ נישט־געשטויגענער גוט־ברודערשאַפט צווישן בעל־שם־טוב און אָלעקסע דאָבוש, אָט די סימפּאַטישע אַטמאָספער, וואָס האָט די חבלי ת״ח פאַרשטופּט העט־העט ווײַט פון געדעכעניש, האָט זיך נאָך פּאָליטיש און סאָציאַל געשטאַרקט, מחמת דעם בשותפותדיקן עלנט און דערשלאָגנקייט פון די בײדע עטנישע עלעמענטן, וואָס האָבן געליטן פון די רדיפות און רעפרעסיעס מצד דעם הערשנדיקן מיעוט, דער פּוילישער מאַכט און אירע גרויס־האַלטערישע און ברוטאַלע אָרגאַנען.

מיר האָבן זיך דערויף אָפּגעשטעלט, כדי צו פאַרשטיין ווי־אַזוי קוים אַ טוץ יאָרן נאָך די שחיטות פון גאַנצע קהילות דורך פּעטליור־ראַס היידאַמאַקעס און קוים אַ מנין יאָרן פאַר די נאָך גרעסערע שחיטות פון דײַטשישן עמלק און זײַנע אוקראַינישע מיטהעלפערס, האָבן זיך אײַנגעשרומפּן די נאַטירלעכע און מענטאַלע מניעות, וואָס וואָלטן באַדאַרפט אָפּהאַלטן פון דיטיראַמבן וואָס שפּינען אַן אוירעאָל אַרום אוקראַינישן דאָרף, זײַנע סומנע פּויערים און שיינע טעכטער.

ח

די צווייטע סוגיה וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ מין תיקון־נוסח פון דער פריערדיקער — דער דיכטער רעדט נישט וועגן אוקראַינער נאָר וועגן וואָלינער פּויער, און דאָס איז אַן אויסברייט פון דעם שכנישן פּויער, ווי ער האָט אים געזען אין לודמיר אויפן יריד, און אין די דערפער אַרום, און פּונקט ווי די אידעאָלאָגיע האָט אים און זײַן געזינד פריער געפּרוווט אויפוואַלואירן, האָט אים שפּעטער די נאָסטאַלגיע געפּרוווט אויסאידעאַליזירן. אויב מיר באַנוצן זיך נישט מיטן היימישן

טערמין: בענקשאַפט, נאָר מיטן טעכנישן טערמין: נאָסטאַלגיע, איז עס מחמת דעם, אַז מיר מיינען טאַקע וואָס עס ווערט מיט דעם, גרונטיק מעדיצינישן טערמין, פאַרשטאַנען — עס איז, כידוע, אַן איבעריזעך פאַר דעם ווייטיק, וואָס גרייכט ביז חולאת, און וואָס רופט זיך היימוויי — אַ מין עגמת נפש וואָס באַפאַלט אַ שווייצער אין דער פרעמד, ווען ער דערמאָנט זיך דעם קאַיאָריקן ניגון פון אַלפּן־פּאַסטוכערס, און לאָזט אים נישט אָפּ, מאַכט אים קראַנק און נעמט אים צומאָל צו דאָס לעבן. אונדזער דיכטער האָט נישט אומזיסט דאָס בוך פון זײַן בענקשאַפט צו דער פאַרלאָזטער היים אַ נאָמען געגעבן „אַ פּײַפל אין פרימאָרגן" (1944).

דאָס בוך איז אויך אין די הויפּט־סוזשעטן, אָבער בעיקר אין זײַן טאָן, אַן אַנטיטעז צום בוך „מיט לײַב און לעבן", וואָס איז אַרויס אַ יאָר פריִער. עס איז נישט בלויז אַ פאַרבײַט פון אַ מאַזשאָרן טרומייטער אויף אַ מינאָרן פלייט, עס איז אַ פאַרבײַט פון אַן אַלגעמיינערן שטייגער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאָרטיסימאָ, אויף אַן אייגענעם נוסח, וואָס פאַרגייט זיך אין פּיאַניסימאָ. דאָרט איז ער איינער פון אַ מאָביליזירטן קעמפערישן כאָר, און דאָס בשותפותדיקע צווישן אים און זיי איז אַזוי שטאַרק, אַז גאָר אָפט איז שווער אָפּצושיידן זײַן קול, אָבער דאָ איז ער אַ סאָליסט, און שפּילט אויף דער כלי, וואָס פאַסט צו זײַן טבע, וואָס איז אין תוך אידיליש, בענקט נאָך אַ האַרמאָנישן בונד מיט וועלט און נאַטור, און דערגרייכט עס דורך אַן אומקער צום זכרון פון אַזאַ האַרמאָניע, וואָס ער האָט קינדווײַז איבערגעלעבט, און לעבט זי שאַפעריש אויף ווי אַ איצטיקע, באַנײַטע און אַפילו נײַע ווירקלעכקייט: „אַ שפּאַן — אַ קלונג, אַ שפּאַן — אַ זונג, / פיל איך אַזוינס וואָס כ'האָב ביז איצט נישט דערפילט; / מיר דאַכט: כ'בין נאָך אַלץ דער וואָלינער יונג / מיט פלייטן אין בלוט — צעזונגען, צעשפּילט".

ט

די דריטע סוגיה — דער דיאַלעקטישער סדר פון די לידער־ביכער ווערט גאָר בולט אין דעם שאַרפן איבערגאַנג פון דעם דאָזיקן אידיילישסטן בוך צום קומענדיקן, טראַגישסטן לידער־בוך פון אונדזער דיכטער — „די וועלט פאַרבעט מיך שטאַרבן" (1950). מיר זענען ווידעראַמאָל אין וואָלין, אין לודמיר, וואָס דער טעווטאָנישער נבוזראַדן און זײַנע מיטהעלפערס, די כאַכאָלסקע קיילערס, האָט זיי אויסגעקוילעט.

ווי אין דער אומקום־דיכטונג בכלל, שפּירט זיך אויך דאָ די אַנטיציפּאַציע פון ביאַליקס „שחיטה־שטאָט", וואָס האָט אין קישינעווער

פּאָגראָם ווי פּיראויסגעפּילט דעם ערשטן פראַל פון אַ שטורעם, וואָס
וועט זיך צעבושעווען איבערן גאַנצן יידישן קיום און די יידישע קהילות
אויסראָטן ביז די וואָרצלען. נאָך מער, מען קען זיך נישט אָפּווערן פון
אַ געפיל אַז, לויטן גרויל און גראָל פון דער ביאַליקישער פּאָעמע, באַ־
קלאָגט זי שוין די קומענדיקע קאַטאַסטראָפע, און דאָס מיט אַ פּאַטאָס
און אין אַן אָקטאַווע, וואָס לאָזט זיך זי נישט מער איבערשטייַגן, ווי
מען קען דאָס זען אַפילו אין יצחק קאַצענעלסאָנס „ליד פון אויסגע־
הרגעטן יידישן פאָלק". דאָס איז אויך חל אויף קליגערס פּאָעמע, בעיקר
דאָרט ווו די קלאָג גייט איבער צו אַן אָנקלאָג נישט בלויז פון גאָט,
וואָס האָט געשוויגן, נאָר אויך פון דער נאַטור וואָס זי האָט געשוויגן.
און מען הערט ממש אַ בת־קול פון ביאַליקס תוכחה קעגן הימל און
ערד. אָבער אויב מיר האָבן אַ צד השווה צווישן ביאַליקס און קאַצע־
נעלסאָנס פּאָעמעס, וואָסביידע גיסן זייער ווייטיק און כעס אויס אין אַ
ברייט־שטראָמיקער נבואישער שורה, האָבן מיר אַ צד השונה צווישן
ביידע פּאָעמעס און אונדזער פּאָעמע, וואָס זי גיסט איר ווייטיק און
כעס אויס אין קורצשורהדיקע סטראָפעס וואָס זענען געהאַלטן אין פּשוטן
טאָן פון אַ פאָלקס־קינה. די קריטיק האָט דאָ אָנגעוויזן אויף דער פּעולה
פון איציק מאַנגער, אָבער זי האָט נישט אָנגעוויזן דעם חילוק פון
השפּעה, וואָס איז ניכר אין עטלעכע טיפּישע אימאַזשן, און צווישן
אַ באַגעגעניש פון באַזונדערע מגילות איכה.

דען כאָטש קליגער באַטאָנט שוין אין עצם טיטל פון זייַן בוך
די וועלט, וואָס פאַרבעט אים שטאַרבן, פונקט ווי עס טוט עס
ביאַליק, וואָס האָט אין דער פּאָעמע זייַנער פּיראויסגעשיקט אַ ליד, וואָס
הייסט: וכל הארץ לי גרדום, משמע: די גאַנצע וועלט איז מיר
אַן עשאַפאָט, שפּרייַזט זייַן שחיטה־שטאָט נישט אַריבער אירע דיי־
מענסיעס ווי מיר האָבן עס אין ביאַליקס פּאָעמע, און כאָטש ער באַ־
ווייגט דאָס געקוילעטע ציגעלע, ווי עס טוט עס מאַנגער, איז עס ביי
אים מער פאַרגלייַך ווי אַ סימבאָל, און די מגילה זייַנע האַלט זיך אין
אירע באַשטימטע גרענעצן פון אַ באַשטימטער קהילה, פון דער באַ־
שטימטער קהילה. עס איז דער הספד פון אַ פאַרוואָגלטן זון אויף דער
שריפה פון זייַן משפחה און פון זייַנע אַלע שטאָטס־לייַט, און די
דאָזיקע קאָנקרעטקייט מאַכט בולטער דעם גרויסן בראָך אפשר מער,
ווי עס טוט עס אַ כלל־קלאָג, ווייַל די קאָנקרעטקייט לאָזט נישט דעם
ענין פון המאבד נפש אחת כאילו מאבד עולם מלא, טייַטש: ווער עס
פאַרלענדט איין יידיש נפש איז געגליכן ווי ער וואָלט פאַרלענדט אַ
גאַנצע וועלט, פאַרשלונגען ווערן אין דער שוידערלעכער צאָל־סכעמע
— וואָס יצחק פערלאָוו האָט זי געפּרווט פאַרבילדלעכן: די זעקס רע־
דערדיקע עגלה, — נאָר זי ווייַזט דעם אכזריותדיקן סוף פון אַ ממש־
דיקער קהילה, איר לעבן און שטייגער, איר פּנים און טיפּאַזש, בקיצור:
אירע קאָנקרעטע יידן, וואָס יעדער איז אַ וועלט פאַר זיך, אַן אָרגאַניש

רינגעלע אין דער קייט פֿון די הונדערטער קהילות, וואָס זענען אָפּגעמעקט געוואָרן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ ווערט פֿאַרשטומט דאָס אידילישע פּרימאָרגן־פּײַפֿל און זײַנע אַסאָציאַציעס, לאָ כל שכן דער אידעאָלאָגישער טרומייטער, און ווי אַ זכר־לטיט איז דאָ אַ געזאַנג וועגן טײַך בוג, וואָס האָט להיפּוך דער זון און איבעריקע נאַטור־עלעמענטן, גובר געווען דעם גלײַכגילט לגבי דער געקוילעטער עדה יִדן, און האָט מיטגעווייטיקט מיטן יִדישן פֿאַרגאָסענעם בלוט וואָס ער האָט בעל־כּרחו אײַנגעזאַפּט. עפּעס ענלעכס האָבן מיר אויך בײַ אַנדערע דיכטערס — זע, למשל, יעקב שטערנבערג — און עס איז אַן עדות, ווי שווער עס איז אָנגעקומען דער לעצטער יאוש פֿון דער פֿרעמדער, דורך דורי־דורות, היימיש געוואָרענער ערד. גענוג צו פֿאַרגלײַכן דעם דאָזיקן געזאַנג וועגן בוג מיט דעם הספּד אויף דעם דיכטער קלמן ליס, וואָס זײַן ליד איז געווען כולו אהבה צום וואָלינער דאָרף און פֿויער, כּדי צו פֿאַרשטיין, ווי ווײַט די בוג־אמונה איז נישט מער ווי אַ לעצטע אילוזיע.

ו

די פֿערטע סוגיה — דאָס באַהאַנדלטע בוך ווײַזט אַרויס אַ בפֿירושן שאַפֿערישן גאַנג, וואָס איז שוין געווען אין, צומאָל דומפּערע און צומאָל שאַרפֿערע רמזים, אויך פֿריִער אָנגעצייכנט, האָט זיך אָבער נישט אַנטוויקלט, ווי אין דעם דאָזיקן בוך, און בעיקר אין די נאָך אים קומענדיקע ביכער. מיר מיינען דעם דרך, ווי אַ פּוזשעט זאָל אויספֿילן דאָס גאַנצע בוך, ווי מיר האָבן אים אין דערמאָנטן בוך און — נאָך פּרעציזער אין קומענדיקן בוך — „מײַנע ליבע־בריוועלעך צו פֿרומעטן, דעם ראש ישיבהס טאָכטער" (1952). לויטן ביכער־סדר, וואָס איז דאָ אויך דער שרײַב־סדר, איז עס ווי אַ המשך פֿון פֿריִערדיקן בוך, — דאָרט און דאָ אַן אומקער קיין וואָלין, אָבער לויטן ענין גייען מיר פֿון אַ שפּעטערער צײַט אין אַ פֿריִערער צײַט צוריק — דאָרט שטייען מיר אין סאַמע טראַגישסטן צײַט־פּונקט פֿון דער קהילה, ווען דער דיכטער איז אין די פֿערציקער יאָרן, דאָ שטייען מיר אין סאַמע אידילישסטן צײַט־פּונקט פֿון דער קהילה, ווען דער דיכטער, וואָס איז דער העלד פֿון בוך, איז אַ צען־יאָריק יִנגל, און אַז מען לייענט זיך אַרײַן, אין די ביידע ביכער, פֿאַרשטייט מען זייער סדר — דער פֿערציק־יאָריקער איכה־זאָגער איז אַנטלאָפֿן, געמוזט אַנטלויפֿן, צו זיך אַליין, בשעת ער איז געווען, אָדער געקענט זײַן, אַ צען־יאָריקער שיר השירים־זינגער.

ער אַליין האָט דעם דאָזיקן פּסיכאָלאָגישן צוואַנג דערקלערט בײַ אַ מסיבה, ווען מען האָט אים צוגעטיילט אַ פּרעמיע פֿאַר דעם בוך, און

פֿון זײַן דערקלער דרינגען מיר אַרויס, אַז אין דער אַטמאָספֿער פֿון „די וועלט פֿאַרבעט מיך שטאַרבן" און אַרום איר, זעענדיק פֿאַר זיך זײַן גאַנצע משפּחה, וואָס איז אויסגעשאָכטן געוואָרן און זיך ווי אַ פֿאַרוואָגלטן קײַלעכדיקן יתום, און נישט קענענדיק און נישט טאָרנדיק פֿאַרגעסן די אָפּגעמעקטע קהילה, די חרובֿע היים, די גאַנצע פֿאַרלענדטע משפּחה זײַנע, האָט ער זיך געראַטעוועט פֿאַרן לװערנדיקן שיגעון, לאָזנדיק טאַקע דעם זכרון זײַנעם ווײַטער פֿאַרדבֿקהט אין זײַן היימ־שטאָט און איר סבֿיבֿה, אָבער אין אַן אַנדער צײַט, אין די קינדערשע יאָרן, און אין נאַיִוון צויבער פֿון זײַן ערשטער ליבשאַפֿט. ער האָט אויך אַ משל דערצו — בדומה ראָמען ראָלאַן, וואָס נאָכן פֿאַרענדיקן „זשאַן קריסטאָף", ווי ער האָט געפֿורעמט די מאָנומענטאַלע טראַגישע בעטהאָוון־געשטאַלט, האָט ער זיך גענומען צום לײַכט־שפּילעוודיקן אייגענעם עלטער־עלטער־זיידן, ווי מיר האָבן אים אין „קאָלאַ ברעניאָן".

מיר וועלן מודה זײַן, אַז מיר זענען פֿון דעם פֿאַרגלײַך געווען אַ קאַפּ געפּלעפֿט, שוין בלויז דערפֿאַר, וואָס דער צד השונה צווישן משל און נמשל איז צו גרויס. אָבער מיר זענען מודה, אַז פֿאַראַן אויך אַ גרויסער צד השווה, און דווקא נישט אין גלײַכן אָדער ענלעכן סוביעקטיוון אײַנשטעל פֿונעם מחבר, וואָס צווינגט אויף אַזאַ שאַרפֿן טעמאַטישן איבערגאַנג, נאָר דווקא אין גלײַכן אָדער ענלעכן אָביעק־טיוון אויפֿשטעל פֿונעם חיבור, וואָס באַשטייט אין יכולת אויפֿצובויען די צוויי פֿאַרשיידענע וועלטן אין אַן אַנדערער שטימונג, מיט אַנדערע אויסדרוק־מיטלען, מיט אַן אַנדערער לעקסיק. דאָס יכולת, וואָס קליגער האָט אַרויסגעוויזן אין די צוויי דערמאָנטע ביכער, ווי די איכה־וועלט האָט זיך איר שפּראַך און די שיר השירים־וועלט האָט זיך איר שפּראַך — און שפּראַך מיינט דאָ אַ שפּע פֿון זאָג־און־זינג־קאָמפּאָנענטן — האָט נישט באַגעגנט דאָס פּאַסיקע פֿאַרשטענדעניש מצד דער קריטיק. מי לנו גדול כּיעקבֿ גלאַטשטיין, וואָס איז ווי אַ דיכטער אַ מאַדים אויף אַזאַ דיפֿערענציאַציע, אָבער ווי אַ קריטיקער האָט ער די דאָזיקע לאָגיק פֿון קליגערס שאַפֿערישן גאַנג, לפּחות, שלעכט פֿאַרשטאַנען. אַזוי־ווי מיר ווילן זיך נישט לײַכט מאַכן די מלאכה און אָנכאַפּן אין פּסי־כאָלאָגיע, כּדי אויסצוגעפֿינען, צי האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַן אַלערגיע, אָדער גאָר מיט אַן אידיאָסינקראַזיע, זאָגן מיר: חידה היא ותהי לחידה, טײַטש: עס איז און בלײַבט אַ רעטעניש. בפֿרט ווען מיר באַרעכענען, אַז דער לובלינער פּייטן האָט אַזוי וואַרעם און פֿריידיק אויפֿגענומען דאָס קומענדיקע בוך „פּייזאַזשן פֿון ישׂראל" (1956), אָנשליסנדיק זיך צום התלהבֿותדיקן אוניסאָנאָ פֿון דער גאַנצער ייִדיש־קריטיק. און דאָס דאָזיקע בוך גייט דאָך אויף דעם זעלבן וועג, סײַ פֿון אויסשפּילן אַ גאַנץ בוך מיט אַ סוזשעט, וואָס איז אַ וועלט פֿאַר זיך, סײַ פֿון אויסדריקן די וועלט דורך אַ באַזונדערער שפּראַך און אירע קאָמפּאָנענטן.

און דאָ ווילן מיר דערמאָנען אַ בוך, וואָס מיר האָבן, אין ביבליאָגראַפישן סדר, איבערגעהיפּערט: „ברויט מיט חלום" (1950) — אַ געזעמל פון אַ באַזונדערן סאָרט, וואָס אונדזער דיכטער פּילנעוועט — קינדער־לידער, און וואָס אין דער קריטיק הערט זיך דערוועגן אַ שטיקל מחלוקת, — פון איין זײַט אַ שטייגער, יעקב גלאַטשטיין, וואָס האָט געשריבן קרוב דעם דערשײַנען פון בוך, פון דער אַנדערער זײַט, אַ שטייגער, יוסף אָקרוטני, וואָס האָט געשריבן יאָרן שפּעטער, ווען דער אוצר קינדער־לידער איז זיך היפּש אויסגעוואַקסן. גענוג צו דערמאָנען, אַז בשעת דער ערשטער שטעלט פאַר אונדזער דיכטער ווי אַ מין אידעאַל אַנידער דעם באַחנטן י. גויכבערג, שטעלט אים דער לעצטער אַנידער לעבן מאַני לייב, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אליעזר שטיינבאַרג און לייב קוויטקאָ. איז עס בחינת פאָלג מיך אַ גאַנג און אונדז קומט פיר, אַז דער אמת איז ערגעץ אין דער מיטן און מיר נעמען זיך נישט אונטער צו פּסקענען, בפרט אַז אונדז אינטערעסירט איצט דער ענין פון אַ באַזונדערן אַספּעקט — ווי ווײַט דער טאַלאַנט צו רעדן צו קינדער, ווי ער אַנטפּלעקט זיך אין „ברויט מיט חלום" איז געווען אַ צוגרייט, און אַפילו אַ געניטונג, צו רעדן ווי קינדער, ווי עס אַנטפּלעקט זיך אין „מײַנע ליבע־בריוועלעך צו פרומעטן", ווײַל, בעצם, האַנדלט זיך דאָ און דאָרט אין אַ מענטאַלן, באַגריפלעכן און שפּראַכלעכן אײַנצוימען זיך אין דער קינדערשער אָדער ייִנגלשער וועלט, אָבער דער חילוק צווישן אַ בוך פאַר דער דאָזיקער וועלט און אַ בוך פון דער דאָזיקער, איז אַ מהותדיקער, ווי דער חילוק צווישן אַ צופּאַס צום יונגן לייענער פון איין בוך און צווישן אַן אַרײַנפּאַס אין יונגן גיבור פון אַנדערן בוך, — דער דיכטער גופא, וואָס סימולירט זיך אַליין ווי אַ צעניאָריקער מחבר פון די בריוועלעך, און דער עיקר אויפטו שטעקט דאַרינען, וואָס דער פּראָזאָדישער בוי פון צײַטיקן דיכטער שוואַכט נישט אָפּ, נאָר פאַרשטאַרקט נאָך, די אויטענטישע עברי פונעם ייִנגיטשקן כמו־מחבר, און עס שאַפט זיך אַן אילוזיע פון זייער אידענטישקייט.

יא

די פינפטע סוגיה — די אילוזיע גייט אָבער אַ סך ווײַטער און טיפער, ווי אין אויפהייבן פון ווידעראַנאַנד צווישן ראַפינירטע פּראָזאָדיע און פּרימיטיווער עברי; דען באמת האָבן מיר פאַר זיך אַן אילוזיע פון אַ וועלט, וואָס שעפּט זיך אויס אין די גרענעצן פון דעם ייִנגלשן באַנעם און נישט בלויז זי זעט נישט און ווייסט נישט וואָס איז אויסער דער דאָזיקער וועלט, נאָר זי ווייסט פּשוט נישט, וואָס עס איז פאַראַן אינעווייניק און איז סותר די יראהדיקע אָפּגעשלאָסנקייט פון אַ נאַיִוו

יינגל און אַ ציכטיק מיידל, זייערע פרומע טאַטע־מאַמע, און דער חסידיש־דורכגעזאַפּטער אַטמאָספער פון תרי״ג, ווו אַלץ פירט זיך לויט דער תורה און מסורה, און דער איינציקער און זײַטיקער אַרײַנריס איז לינעצקיס בגנבה־געלייענטע „פּוילישע יינגל״, וואָס איז נישט מסוגל צו שטערן די האַרמאָניע, ווײַל די סאַרקאַסטישע קריטיק ווערט פאַרשטאַנען ווי אַ הומאָריסטיש ליצנות.

אַגב איז עס אַ דרך, ווי מיר האָבן אים אין ש״י עגנונס „הכנסת כלה״, בעיקר אין דער ערשטער גרויסער אויסגאַב — אַנידערשטעלנדיק פאַר אונדז די וועלט פון ר׳ יודל חסיד אין איר האַרמאָנישער שלימות, שעפּט ער זי אויס אין זיך אַליין, אײַנגעבעט אין אַ פּעסטער מויער פון חסידיש־תמימותדיקער פרומקייט און יראה, און כאָטש לויט דער צײַט האָט שוין די השכלה און אירע פירער און קעמפּער גענומען צעוואַקלען די מויער און זי היפּש, דאָ און דאָרט, אײַנגעבראָכן, שפּילט זי דאָ נישט קיין שום ראָל און איר געדעכעניש באַשטייט אין אַ קורצן אַנעקדאָטישן דערמאָן פון אַ קאָמישן משכיל. נאָך עפּעס: מיר האָבן דאָ אַ, כמעט קוריאָזן, אַנאַכראָניזם — דער גרויסער דערציילער אַקטיוויזירט דאָ די בראָדער־זינגער, וואָס ער לאָזט זײַן פּורים־שפּילער, כאָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי זענען ערשט אויפגעקומען מער ווי אַ דור שפּעטער.

צוריקקומענדיק צו די ליבע־בריוועלעך, לאָזט זיך פרעגן, צי איז דער ענין לינעצקי אַ מעשה שהיה. מעגלעך אַז יאָ — על כל פּנים האָבן מיר אין „געזאַנג אויף דער ערד״ האַרב־רעאַליסטישע שטריכן, און דאָס אין אַ טאָן, וואָס דערמאָנט גיכער דאָס סאַרקאַסטישע פון לינעצקי איידער דאָס סאַטירישע פון מענדעלע; מעגלעך אַז נישט — אָבער דעמאָלט ערשט ווערט בולט דאָס באַנוגענען זיך מיט אַ שפּרענקעלע אַנטיטעז צום אַלטן שטייגער. דאַרפן מיר דאָך נישט פאַרגעסן, אַז דער סיפּור־מעשה פון די בריוועלעך קומט פיר עפּעס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער דור, אויף וויפל ליטעראַטור האָט אים דערגרייכט, כאָטש זיך שוין גיכער אויף י. ל. פּרץ, שלום עליכם, און דער מאָדערנע, ווי אויף מענדעלע, כל־שכן לינעצקי. אָבער אונדזער יינגל לעבט אין אַ שטייגער וואָס איז ממשיך אַ לאַנגן־לאַנגן נעכטן, גלײַך עס וואָלט נישט געווען קיין שום קריזע און איבערבראָך, אַזוי אַז „דאָס פּוילישע יינגל״ איז נישט מער ווי אַ קורצווײַליקער — תרתי משמע — קונדסעוואַטער קריץ אויף דער גלאַטער האַרמאָנישער מסורה־טאַפּליע, אַנדערש געזאָגט: די וועלט פון די בריוועלעך ווערט געזען דורך דער פּריזמע פון אַ היסטאָריש־און שטייגעריש אין זיך געשלאָסענער יידישער אויטאָנאָמישקייט, גלײַך עס וואָלטן חוץ איר נישט געווען קיין שום אַנדערע דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע באַטײַטיקע פאַקטאָרן, טאַקע ווי אַ קינד איז עס מסוגל געווען צו פילן און פאַר־

שטײן, בפרט װען ער האָט אַרום זיך געזען די װעלט פֿון חומש און מדרש, װי מיר װײסן עס פֿון אַ סך אויטאָביאָגראַפֿישע שאַפֿונגען פֿון אונדזערע דיכטערס און דערצײלערס. אין די בריװעלעך שפּירט זיך בפּירוש דער אומקער צו יענעם באַנעם, װאָס — אויב פּאַראַפֿראַזירן א. צ. גרינבערגס אַ װאָרט — שטעלט אַװעק די שטעטלעך על נהרות בוג און װײַסל און אַנדערע טײַכן, װי ענקלאַװעס פֿון חומש־לאַנד אויף דער סלאַװישער ערד.

פֿון דעם קוקװינקל זענען די ליבע־בריװעלעך נישט אַן אַנטלויף פֿון דער „װעלט װאָס פֿאַרבעט מיך שטאַרבן", נאָר אויך אַ פּיראויסלויף צו די „פּײזאַזשן פֿון ישראל", עלעהיי לודמיר, װי עס שטײט און גײט אין געדעכעניש פֿון חומש־און־גמרא־בחורל, װאָלט איבער די שאָטנס פֿון איר אומקום עולה־רגל געװען, צו זען איר אײגענעם פּראָטאָטיפּ אין ליכט פֿון אויפֿקום.

דאָס חומש־לאַנד איז אַן אָרגאַנישער טײל אין סוזשעטן־קאָמפּלעקס פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור בכלל, און פֿון איר פּאָעזיע בפרט, און גענוג דורכצובלעטערן מרדכי יפהס אַנטאָלאָגיע, װאָס דער אָפּקלויב זײַנער, אָנגעהויבן מיט אברהם גאָלדפֿאַדן און געענדיקט מיט רחל פֿישמאַן, נעמט אַרום כּלערליי אַספּעקטן, כּדי צו זען, אַז אַ היפּשער טײל דיכטערס פֿון לעצטן דור איז געפּיליק־טעמאַטיש נישט דערגאַנגען קײן ארץ־ישראל, דעם לאַנד, אײדער עס איז געװאָרן ישראל, די מדינה, אָבער דערגײענדיק צו איר, איז דער סוזשעט פֿאַר זײ נישט קײן נײַ געפֿינס נאָר אַן אַלטע צוריקגעפֿונענע אבידה, װאָס אידעאָלאָגיע, פּראָגראַם וכדומה, האָבן זי פֿריִער, צומאָל שקציש און צומאָל ברוטאַל, פֿאַרשטױסן אין דער שכחה אַרײַן, אָבער זי האָט געטליִעט אין אַ פֿאַרבאָרגן װינקל פֿון געפֿיל און געדעכעניש, און זיך נישט געלאָזט אין גאַנצן אַרױסשטױסן. בײַ קליגערן איז עס בעיקר דער גיבור פֿון די ליבע־בריװעלעך, װאָס האָט דעם טליִענדיקן פֿונק דערהאַלטן, און װי יונג און קינדיש דער אַלטער־עגאָ זאָל נישט געװען זײַן, האָט ער גורם געװען, אַז װען דער עלטערער־עגאָ איז געקומען אין אַלט־יונגן ייִדישן לאַנד, האָט ער זיך תּיכּף געפֿילט אין דער הײמישסטער הײם, װי ער איז עס געװען אין איר ענקלאַװע, אין לודמיר פֿון די בריװעלעך, אַ לײַבלעכע שװעסטער פֿון אָסטרע, ירושלים־דװאָלין.

יב

די זעקסטע סוגיה — װער עס װעט אויף זיך נעמען די מי פּרטימ־דיק צו אַנאַליזירן די באַזונדערע אויסדרוק־מיטלען, װאָס אונדזער דיכ־טער באַנוצט זײ לגבי באַזונדערע סוזשעטן, װעט טון אַ לײַטישן דינסט

פֿאַרן פֿאַרשטענדעניש פֿון דעם באַצי צווישן וועלט, תּוכן, ענין פֿון אַ פּאָעטישער שאַפֿונג און צווישן זייער לעקסיק, אירע עלעמענטן און ניואַנסן. נאָך אינטערעסאַנטער קענען די אָבסערוואַציעס זיך אַרויסווײַזן אויפֿן סמך פֿון אַ פֿאַרגלײַך מיט זײַן גרונט־לעקסיק, און בעיקר אויך מיט זײַן גרונט־פֿאָנעטיק, וועלכע האָט זיך, לפּחות רודימענטאַר, דערהאַלטן, און געפֿונען שפּאַרונעס אַרײַנצודרינגען, כאָטש בדרך כּלל גייט ער, ווילנדיק און באַוווּסט, אין שפּאַן פֿון דער נאָרמאַטיווער אינטערדיאַלעקטיזאַציע. אָבער אַפֿילו דער לייענער סתּם וועט זיך כאַפּן אויף די רעליקטן, נישט בלויז אין דיכטערס ערשטן בוך: אַרגענטינע — כאַיונע, ציץ — נוץ, שלאָף — אַרויף, נאָר אויך אין זײַן לעת־עתּה, לעצטן בוך, וואָס ליגט איצט פֿאַר אונדז, און דאָס אין סאַמע ערשטן ליד: שליאַך — טײַך, שלאָף — אויף, פּונקט ווי ער וועט זיך כאַפּן, אַז די אַסאָנאַנסן זענען בײַ אונדזער דיכטער, פּונקט ווי בײַ אַנדערע — אַ גאָר בולטע דוגמה: פּרץ מאַרקיש — אַ דורכרים־שפּאַרע פֿאַרן דיאַלעקטישן.

אָבער דערמאָנענדיק אונדזער דיכטערס לעת־עתּה לעצטע בוך, זענען מיר פֿאַרלאָפֿן דעם וועג אונדזער אייגענעם סדר־הדיבור, וואָס האַלט זיך פֿעסט אין סדר־הביכער. און דווקא דער ענין, וואָס מיר האָבן געפּרוּווט באַרירן, דער לעקסיק־בײַט לויטן סוזשעט־בײַט, איז מחייב דעם דאָזיקן סדר סטריקט נאָכצוגיין. גיבן דאָך די צוויי ביכער „איך און דער ים" (1958) און „די שיינע רויז — טעג און נעכט פֿון אַ מיידל" (1964), די בעסטע מעגלעכקייט דאָס פּראָבלעם צו באַלײַכטן. דאָס ערשטע בוך איז אַ הימנע צו דעם גוואַלטיק־עלעמענטאַרן כּוח פֿון דער נאַטור, ווי זי אַנטפּלעקט זיך אין ים, וואָס כאָטש ער ווערט דאָ — ווי יצחק יאַנאַסאָוויטש האָט עס ריכטיק אָנגעוויזן — באַשריבן גאָר ממשדיק, איז ער אַ סימבאָל. אָבער וואָס אונדז אינטערעסירט איצט, איז די שייכות צווישן ענין פֿון באַשרײַב און זײַן דרך, בעיקר זײַן לעקסיק, און דאָ האָבן מיר טאַקע אַ קלאָרע און בולטע דוגמה, ווי די ווײַזיע פֿון אַ נאַטור־קאָמפּלעקס ווערט אַ מין קאָסמאָקראַטאָסאָפֿיע מיטן כּוח פֿון אַ קאָסמאָטערמינאָלאָגיע; קלאָרער געזאָגט: מיטן כּוח פֿון אַ מער קאָסמאָפּאָליטישער טערמינאָלאָגיע. דאָס זענען נישט די נאַטור־עלעמענטן — זון, ערד, הימל — אין דער שחיטה־שטאָט, וואָס מען קומט צו זיי מיט האַרבע מאָראַלישע טענות, און מען רעדט צו זיי אין אידיאָמאַטיש־געווירצטער היימישן לשון. דאָ דוכט זיך, עלעהיי דער דיכטער האָט זיך אויסגעטון פֿון היסטאָריע, פֿאָלק, היים, כּדי צו באַנעמען די בראשיתדיקע כּוחות, וואָס גייען נאָך זייערע עלעמענטאַרע געזעצן חוץ דעם מענטשן, אָן דעם מענטשן, אָבער אַזוי־ווי ער קען עס נישט טון אין לשון פֿון ים, ווײַל ער עס טון אין לשון פֿון אַן איד, וואָס האָט פֿון זיך אַראָפּגעשטרייפֿט די באַזונדערע לשונות פֿון זײַנע ביאָגראַפֿישע שיכטן, ווי מיר קענען זיי פֿון זײַנע לידער־

ביכער, און געבליבן בײַ אַ מין איבער־ביאָגראַפֿישן לשון, וואָס פּאַסט זיך פֿאַר אַ סיטואַציע ווו אַ קינסטלערישער אָנשטעל שפּילט אַן עקזיסטענציאָנאַלן אײַנשטעל.

לויטן ביכער־סדר שטייט דאָס דאָזיקע בוך צווישן „ליבע־בריוועלעד צו פּרומעטן" און „די שײנע רויז", ווי אַן אָפּרו־אינטערוואַל אין אַ כלל־קאָסמישער אומבאַגרענעצטקייט, צווישן צוויי אָנשטרענגען פֿון אָרטלעך און צײַטלעך, באַגרענעצטע ניגון־טענער, צוויי בפירוש לאָקאַלע, לודמירער פּאָעמעס, וואָס די ערשטע, ווי מיר ווייסן שוין, לאָזט דעם דיכטער, ווי אַ צען־יאָריק ייִנגל, אין אַ פּאָרעם פֿון זײַנע בריוועלעד, דערציילן וועגן זײַן וועלט און ליבע־פֿרייד, און די אַנדערע לאָזט זײַן זעכצן־יאָריקע שוועסטער, אין דער פּאָרעם פֿון אירס אַ טאָגבוך, דערציילן וועגן איר וועלט און ליבע־לייד. אין דער ערשטער פּאָעמע לעבן מיר אין אַ וועלט פֿון שלום און גאָר צום סוף רײַסט זיך אומגעריכט אַרײַן די ערשטע מלחמה, אין דער אַנדערער פּאָעמע שטייען מיר שוין נאָך איר און אירע חורבנות, און כאָטש דער צײַט־אָפּשטאַנד איז פֿון קוים עטלעכע יאָר — איז עס אַן אַנדערע, שווערע, ביטערע תּקופֿה, וואָס הויכט שאָטנס אויף שאָטנס, אָבער פּונקט ווי דער ברענפּונקט פֿון דער ערשטער פּאָעמע איז דאָס ציכטיקע ליכט פֿון אַ ליבשאַפֿט צווישן אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, אַזוי איז דער ברענפּונקט פֿון דער אַנדערער פּאָעמע דאָס ריינע ליכט פֿון אַ ליבשאַפֿט פֿון אַ מיידל אַ יפֿת־תּואר און אַ זײַדענעם בחור, אַ ליבשאַפֿט וואָס ווערט מיט זײַן טויט אין דער מלחמה נישט אויסגעלאָשן, ווײַל דאָס כלה־מיידל אַנטלויפֿט, פֿאַר צער, וואָס לאָזט זיך נישט טרייסטן, אין אַ וויסטער קרענק אַרײַן, וואָס ברענגט אום איר חיות. די צײַט און אירע יסורים, די שטוב און איר עלנט, די משפּחה און אירע דאגות, וואָס זענען דעמאָלט טיפּיש געווען פֿאַרן פֿאַראָרעמטן ייִדישן מענטשן אין פּוילן, און בעיקר אין די קרעסן, זענען עס די רעם פֿון יענער טראַגעדיע, און דאָס טאָגבוך מאָלט זיי מיט אַ באַשײַנפּערלעכער בילדלעכקייט, וואָס מאַכט דאָס בוך ווי אַ פּאָעטישן דאָקומענט פֿון אַ קאַפּיטל געשיכטע און גורל פֿון אַ ייִדישער קהילה צווישן ביידע וועלט־מלחמות. און פּונקט ווי דאָס ייִנגעלע האָט, אין זײַנע בריוועלעד, אַ באַזונדערע לעקסיק פֿאַר זײַן וועלט, האָט עס דאָס מיידל פֿאַר איר וועלט, און דער חילוק איז בחינת תּורה ולימוד היא צריכה. אָבער כּדי דאָס פֿונאַנדערצוּוויקלען, וואָלט מען באַדאַרפֿט צו באַנײַען די דיסקוסיע וועגן פּאָעטישן לשון, ווי זי איז אָנגעגאַנגען צווישן יעקב גלאַטשטיין און יעקב באָטאָשאַנסקי, און ווו קליגערס דרך־הלשון איז געווען אַ וויכטיקער דיסקוסיע־אָביעקט; און עס קומט אונדז פֿיר, אַז בײַ אַזאַ באַנײַטער דיסקוסיע, וואָס וועט זיך נישט באַנוגענען מיט כּלל־אַרויס־

זאָגן, נאָר שטיצן אויף אַ דעטאַלירטן אַנאַליז, וועט זיך אַרויסווייַזן, אַז גערעכט איז געווען נישט אונדזער דיכטערס קטיגור, נאָר זייַן סניגור.

יג

אָבער דאָס שפּרייַזט שוין אַריבער דעם תּחום פֿון אונדזער ערשטן שריט אין אָפּשאַץ פֿון קעהאָס קליגערן, און מיר האָבן קיין אַנדער ברירה נישט, ווי פֿאַרבעטן דעם לייענער, וואָס האָט געהאַט געדולד צו לייענען אונדזערע איצטיקע אויספֿירן, ער זאָל אונדז באַגלייטן בייַ אונדזערע ווייַטערדיקע שריט, וואָס מיר וועלן בקרוב אונטערנעמען.

ירושלים, טבת, תשל״ב.



וואָלינש

...„די שטרויענע דעכער מיט גראָב־פּאַרקנופּטע זוימען
זינקען צו די באַלקנס, נעבעך, איַינגעלייגט, צעקראָכן, —
טוליען זיך די כאַטעס אין הונגעריקן אין דער וואָכן,
אָן טעפּ אין די אויוונס, אָן רויך פון די קוימענס".

באַגין

די ראָסע פּערלט זיך אויף שטיל־באַגראָזטן שליאַך,
די צווייַגן זילבערן טויִק אין רייפן פּרוכטן־סאָד.
שטיקער הימלען פֿאַרבן זיך. דער באַגינען בלאָט.
די קאָלירן שפּילן זיך אויף שפּיגלען פונעם טייַך.

אַרומגעאָרעמטע כאַטעס טשוכען זיך פון שלאָף.
די שטאַלן, קלוניעס — נאָך צוגעשפּאַרט, פֿאַרמאַכט.
איבערן פּייזאַזש פון דאָרפיש־שלווהדיקער פּראַכט —
רויכעלעך, ווי בלאָע שריפט, פון קוימענס גייען־אויף.

אין מילכיק־דינע נעפּלען קרעכצט אַ פור מיט היי.
הירזשענדיקע יאָגן דורך יונגע אָגערס צוויי.
אַ טיפבייַיכיקער מע־ע־ע רייַסט די העלנדיקע רו.

צו דער לאָנקע אַ שגצל אויף פּאַשע טרייַבט די קו.
שטעג אַוועק צום סענאַקאָס אַ באָרוועס שיקסל שפּאַנט.
איבערן פּלייטל קריכט אַ פויער מיט אַ גראַבליע אין האַנט.

זינגענדיקע קאָסעם

פון קוזניעס קלינגט דער שטאָל, דער האַמער,
שטאָליק הילכט צעוואַכטער פּראַצעדיקער דרויסן.
אין קלוניעס גייט דאָס דרעשן היים און רוישיק, —
זינגט דער האַמער מיטן ציפּ צוזאַמען.

רופן־אָפּ זיך קאָסעם פון די בלאָנדע פעלדער,
ענטפערן די סערפּעס — דינצאָניקע צעקלונגען, —
כוואַליעט כאָר פון זשוואַווע פויערן־יונגען
מיט הוק און האַק פון שאַרפע העק אין וועלדער.

לויפן זינגענדיקע גרין־באַגראָזטע וועגן,
שטייט דאָס דאָרף שוין ביזן האַלדז אין קלאַנגען
פון בלאָזזעק, פון שרויפן און פון צוואַנגען.

זינגען קאָפּיטעס אונטער כלאָפּסקע יונגע רײַטערס,
קי פאַרסלינעטע, מילך אין פולע אײַטערס, —
די טשערעדע וואָס קומט אין דעמער פון די שטעגן.

ווילִיאָן

אין אַן אָסיען־פאַרנאַכט אויפן גראָזיקן פלוין
דרימלט ווילִיאָן, דרימלט און טראַכט:
דער חודש וועט אָפּלויפן ווי נעפּלדיקע נאַכט,
וועט קומען דער טאָג פון ציילן דעם לוין.

כ׳וועל צודעקן מײַן לײַב מיט קאָרעטענע הויזן,
די פּיס — אין כראָמענע שטיוועלעטן נײַע;
אַ העמד, אַ קראַוואַטקע אַ פאַרביקע און טײַער,
זונטיק אויף זאַבאַוועס אַ פריילעכער זיך לאָזן.

צעקעמען מיט אַ גלאַנץ מײַן דראָטענע טשופּרינע,
אַז נאַסטיען וועל איך זיכער איצט געפעלן
און טאַנצן מיט איר — ביז אָטעם וועט פאַרפעלן.

ביז דאָס פריילעכע בלוט אין אַלע מײַנע ביינער
וועט מיט פעסניעס אַ זינג־טון איבער פליינען
און פריידיק האָפען וועט מײַן ערד וואָלינער.

בידנע כאַטעס

כאַטעס אויף כאַטעס — פון דער פּאָלע אויסגעשאָטן,
ווי שורות קאָפּיצעס שטרוי מיט בלאָענקע קענטלעך.
די טיטשקעס פוילן ביי די צוגעשפּאַרטע ווענטלעך,
די פענצטערלעך זשאַווערן אונטער ליימיקער בלאָטע.

די שטרויענע דעכער מיט גראָב־פּאַרקנופּטע זוימען
זינקען צו די באַלקנס, נעבעך, איינגעלייגט, צעקראָכן, —
טוליען זיך די כאַטעס אין הונגעריקן אין דער וואָכן,
אָן טעפּ אין די אויוונס, אָן רויך פון די קוימענס.

די טאַטעס אויף פּאַנסקע פעלדער אַ זומער נאָך אַ זומער
ביים שניט, ביים דרעשן — שוויסיקן און שטומען,
ביז דער טאָג טוט זיך אָן אַ סיערמינגע אַ טונקלע.

מאַמעס אין די שטאַלן ביז קאָניצלעך שוין פינקלען
ציִען פולע איינטערס אויס פון די פרעמדע בהמות
און טראַכטן פון זייערע ברעקלעך, אָן מילך אין די היימען.

פאַר נאַכט

אַ לאַשיק הירזשעט גלעקלדיק צעקלונגען,
שטויבט די ערד, וואַרפט די פּיס צעבריקעט.
אויף אַ בהמה שטעלט זיך דיבאָם דאָם ראַסאָווע ביקל
און פאַרפלאָמטע לאַכן פּאַסטעך-יונגען.

דורך פאַרע וואַרעמער פון צעפּראַלטע שטאַלן
פאַרשמעקט מיט פרישער מילך דער זומערדיקער דרויסן.
די שעפּלעך זינגען זייגנדיק אין שיקסעדיקע שויסן, —
זינגען שיקסעדיקע בריסטן קוואַליק.

פון קוימענס בלאָע רויכעלעך צעשלענגלט
האַלדזן זיך, צעפּלעכטן זיך — פאַרשווימען
אין אויסגעצוואָגטן לויטער-הויכן הימל.

אויף אַ פריזבע טונקלט אַ טיף-צעאַקערט פּנים
פון אַ דרימלענדיקן זקן קעגן דער לבנה,
וואָס הענגט-אַראָפּ ווי אַ גאָלדן שטענגל.

מאַרוסיענקאַ, טאַנץ!

טאַנץ, מאַרוסיענקאַ, ס׳איז דאָך רוטאָג — זונטיק,
די הפסקה נאָך דער אויסגעהאָרעוועטער וואָך, —
זינג־אָן מיט זיסער פרייד דײַן יעדן גליד און קנאָך,
טרעשטשען זאָל עס אונטער דײַנע פּיס געזונטע.

די זון האָט הײַנט ס׳פעלד אין שרינטן גאָלדענע צעקעמט,
וועט דײַן זילבער־סערפּ אַ גיי־טון אויפן גאָלד פון זאַנג,
נעם, צעלאָז דיך אין אַ האָפּאַק אַ הילכיקן אויף לאַנג,
מאַרוסיענקאַ, נישט געזאָרגט, פאַר קיינעם נישט געשעמט!

טאַנץ, אויף דײַנע אַקסלען, דײַנע היפטן — רונד,
זאָלן גלױען דײַנע סטענגעס קאָלירנדיקע בונט
און פלאַטערן ווי פייגל אויף צעגרינטן לאַן.

טאַנץ, ביז אויפגיין וועט אין שויבן דער באַגין צעגרויט,
יעי באָגו, ביסט אין דאָרף נאָך אַלץ די שענסטע מויד
און ס׳האָט דיך ליב דײַן חתן — דער בלאָנדין איוואַן.

אָרעמע פּויערטעס

פערציק־יאָריקע פּויערטעס זעען אויס ווי זקנות,
אויגן — אָסיענדיקע נעכט, פאַרזאַוויערוכעטע לאַמטערנעס.
פּנימער — צעבראָנעטע מעזשעס, טעמנע און מיזערנע,
בריסטן — אָנמילכיקע, ווי הענגענדיקע שטיינער.

די טעגלעכע זאָרגן פּרעסן זייער גוף ווי רייפּן,
טאַקע נאָר די סאַמע כרעברעס אײַנצוברעכן.
זיי שערווען זיך אין כאַטעס ווי שאָטנס און דעכען
אויס די וויסטע טעג, די נעכט זייערע ווייפול.

אָוונט־צו זיי קניִען פרום פאַר אָפּגעבליאַקעטע איקאָנעס,
צעוויגן בלייכע הענט, ווי קאַלטע ווינטער־צווײַגן
אין טיף־פאַרצאָגטן יאָמער: „יעזו, האָב רחמנות — — —"

צעטריפן זייערע תּפילות אין זאַלץ פון הייסע טרערן,
סײַ פאַן בוג, סײַ יויזל ענטפערן נישט, שווײַגן,
בלויז די נאַכט פאַרקריצט דעם פּײַן מיט דימענטענע שטערן.

אַ לירניק

זונטיק, אין בלאָען פּעכער פון טאָג, ברענגט מען צו פירן
אין פּאַנס דוואָר אַרײַן דעם לירניק אָמעליאַן.
די פים אונטער זיך בײַם שוועל פון גוטן פּאַן —
ציט ער סומנע זײַן פאַרשטויבטע לירע.

אַמאָל האָט ער געהאַט אויגן — זוניקע וועסנעס, אָמעליאַן,
זײַן גוף — אַ דעמב מיט היים-צעפּלייצטער גבורה;
אין זײַנע מאַזאָליקע צוויי הענט שטאָט דער לירע —
פלעגט אַ פּלוג, אַ קאָסע זינגען איבער פעלד און לאַן.

און איצט — סיוו איז ער, בלינד אויף ביידע אויגן,
אַ קאַליקע פון פּאַנסקע האָרעוואַניע איז ער, אָמעליאַן,
זײַנע הענט — צו דער סומנער לירע קוים זיי טויגן.

שפּעטער, ווען אין סאָסניאַק ווערט די זון פאַרלאָשן,
אַ שגצל פירט-אָפּ דעם לירניק מיט פּאַמעלעכיקע שפּאַן, —
ציילט ער אוים פון קוטשמע די פּענעץ ברויט, די גראָשנס.

צום „שליוב"

אײַנגעהילט דעם קאָפּ אירן האָט האַנקע אין אַ װעליער,
זעט זי אױס װי ס'ביימל צװײט בײַם פענצטער, —
האַנקע, ביסט פון דאָרף די טאָכטער איצט די שענסטע,
דײַנע אױגן — גיב אַ קוק נאָר, זענען איצטער העלער.

הער, מ'שפּאַנט שױן אײַן די אױסגעפּוצטע גניאַדעס בײדע,
װעט מען אַ קאַטאַיע-טון אין שטאָט אַרײַן צום גלח, —
דאָס פּאָטערל װעט בענטשן דיך: אין דײַן װײַטן מהלך
זאָל דאָס דאָברי-מזל דיך מיט סטאַכן נישט צעשײדן.

און שפּעטער, בײַ װעסעליע — דער פרײלעכער הוליאַנקע,
װעסטו זיך אַ דרײ-טון אַ מאַזור מיט דײַן סטאַכן, —
אַנו, װער װעט זיך דעמאָלט דען מיט אײַך פאַרגלײַכן? —

און ס'װעט דיך קושן, אײַ, נאָך אָפּגעטאַנצטער נאַכט
פון האַרילקע און פון ליבשאַפט — אַ שיכורער דײַן סטאַך,
װאָס װעט דיר דעמאָלט פעלן, נאַריש שיקסל, האַנקע!

אַ פּײַפּל אין קאָרן

צוגעלענטע שטאַלן הינטער אויסגעשפּאַנטע וואָגנס,
אין שײַבלעך גליט אַ איקאָנע. ס׳קאָפּטשעט אַ לאַמטערן.
אויף דעכער הענגט אַ סערוועט מיט אויסגענייטע שטערן,
אין מיטן גאָלדיקט אַ לבנהדיקער נאָגל.

אין טונקלען זאַנגען־ים וויגט זיך אַ האַרמאָניק,
אויף אַ פּײַפּל פּײַפּלט עמעץ נאָענט ערגעץ־ווו:
העי, דאַנאַ־דונאַ־דיי — — — פליו־פליו־פליו — — — —
דאָרפיש־כלאָפּיש, סמוטנע און איינטאָניק.

דאַכט זיך — אין אַ האָפּאַק איז זיך ווער פאַרגאַנגען
אַרום אַ קאָסטערל הינטער קאָרן־ווייצן־זאַנגען
און ס׳בריִען כלאָפּסקע לײַבער, שיקסעדיקע בלוטן.

דאַכט זיך — כאַטעס האַלדזן זיך, פענצטערלעך זיך קושן,
אַז שטיוואַליעס טופען־צו, הענט פליעסקען ווו שוין
און ס׳דרייט דאָס פעלד זיך, ווי אַ שיכורער מחותן.

ביבנעוו, וואָלין, 1937



ארגענטיניש

...„אין גאָלדיקן נעפּל פֿון מײַן שטאָט
ברעכט נאָך עמעצער אַרויס פֿון קעשענע,
ווי זשעדנע כזיתלעך זון — זײַן ברויט,
דאָס אָרעמע און הייליקע".

אויף פּלאַסאַ אָנסע

אונטער גרוי־פּעלציקע וואָלקנס
טאָגט פּאַמעלעך איבער פּלאַסאַ אָנסע.

די עלנטע דרימלערס,
איינגעניורעטע אויף די נאַכטיקע שטיינבענק —
ווילן נישט די גרינע לאָמפּנשייַן
אין די ווינטיקע צווייַגן.
זיי ווילן נישט דעם טאָג.

איבער די פאַרשלאָפענע פּנימער
רוקן זיי אַרויף־אַראָפּ
צעקנייטשטע צייַטונג־בלעטער,
ווי שטאָרן.

אַ פאַרביקע זקנה
אין אַן אָנגעהאָנגענעם קעסטל נאַשוואַרג —
וויגט זיך מיטן בוים.
דאָס אַלטע האַרץ פון דער זקנה
קרעכצט אין שווערן זיסן קעסטל.

אַ באַר.
אין זייַן ברודיק פאַרטעך
דרימלט מיט אַ צערעפּעט מויל דער קעלנער.
אויף זייַן שוים קנוילט אַ קאַץ.
ביי יעדן שאָרך —
אירע אויגן ברענען־אויף מיט גרין פייַער.

אויף אַ וואָגן גרינוואַרג
הוידעט זיך אין אַראָפּגערוקטן בערעט
אַ כראָפּענדיקער קאָפּ.
דאָס פערדישע טראַקאַטאַקען
איינטאָניקט אין קילער פאַרטאָגיקייט
מיט איבערגעלאָדענער מי.

לעם די טרעפּ פֿון דער אונטערגרונט־באַן —
אַ זיצנדיקער בלינדער אָרעמאַן
ציילט־אויס זײַנע סענטן.
ציילט, בורטשעט און שעלט.
די ערשטע ווײַסע קאַיאָר־פּאַסן
ווילן אויפשנײַדן זײַנע אויגן.

די פּרימאָרגנליכט־פלעקן
שלינגען־אײַן די שאָטנס אונטער ביימער,
העלן־אויף, ווי לישײַעס —
איבער בלומען־בייטלעך,
אויף וויסטע פּנימער פֿון דרימלערס.

האַסטיק הילכט־אָפּ אויפֿן גאַסנברוק
דער אויפגעוועקטער שטאָטרויש.

הייזעריקע צײַטונג־פאַרקויפערס
פאַרצוקן דאָס לעצטע שטיקל נאַכט.

בוענאָס־אײַרעס, 1954

בלוט און זון

נײַ־שיקאַגע. מאַטאַדעראָס. זומערדיקער דעמער.
די זונטיק־שטילקייט ליגט דאָ געשאָכטן —
מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז.

די זון — אַ פּענכער —
איז אַרויפגעפאַלן אויפן שפּיץ פון אַן אײַזערנעם שטאַכעט —
זיך צעריסן אויף שטיקער.
אין די קאַנאַוועס זידן
סטרומיקלעך זון און בלוט.

דאָס בלוט האָט אויפגעגעסן די לופט.
רויטלעך־פאַרגליווערט זי קרישלט זיך ווי זאַלץ.
דער זשאַווער אויף פאַרהאַקטע שטאַרנס פײַערט.
דיביימער — וויי צו זיי! — מיט געשטאָרבענע בלעטער
און ביזן לײַב אָפּגעגריזעטע צווײַגן —
אָטעמען אַסטמאַטיש בלוט און זון.

לעם אַ מיסטקאַסטן — ווי אַ צעזשאַרעטער פײַערטאָפּ,
דרימלט אַ פּנים אונטער אַ ברייטראַנדיקן שטרויהוט.
צוויי באָרוועסע קויטיקע פּיס פלאַקערן.
אונטער זיי בולבען זיך שטראָמעלעך בלוט און זון.

העט אויפן שאַרלעך־בלאָלעכן אָנגעהיצטן האָריזאָנט
הענגט אַ וואָלקן — אַ גרויסער רויטער אָקס
מיט גליִענדיקע הערנער — און רעוועט.

אונטער אַ הויכן אויסגעשפּאַנטן פורגאָן —
אַ נאַקעטע באַהאָריקטע פּלייצע לויזט אַ העמד.
אויף אַ שוועל בלאָזט זיך אַ קורץ־שמאָל געבלימט קליידל
און ס'בענקען אָפּיר צוויי אויסגעבויגענע מיידלפּיס
אין זונטיק־זונפאַרגייענדיקן אומעטיקן דעמער.

אַ קודלאַטער פאַרבייגלטער הונט
שנאָרכט אין מיט שאָסיי.
אַ טויטע שוואַרצע קאַץ —
מיט אויפגעריסענע ציין,
פלעקט אַראָפּ פון אַ שטיינערנעם פּלויט.

דער גרויסער אָקס — איצט מילך־בלאָ,
ליגט שוין איבערגעקערט פּיס־אַרויף
אויפן פאַרלאָשענעם הימלראַנד —
שאַ־שטיל און שטאַרט.

אין אַ שויב ברענט־אויף אַ בלייך פלעמל.
די שײַן רינט־אַראָפּ צום טראָטואַר
קרום־צעשלענגלט, רויט —
ווידער בלוט.

און די זונטיק־זומערדיקע אָוונט־רו
כאָרכלט אַלץ מיט אַן איבערגעחלפּטן גאָרגל.

בוענאָס־אײַרעס, 1951

דאָס הייליקע ברויט

פאַר טאָג —
אין גאָלדענעם נעפּל פון מײַן שטאָט
קנײַפּט נאָך אַ מענטש פון דער פאַזועכע אַרויס,
ווי אָפּגעבראָכענע פענעצלעך זון —
זײַן בידנע פרימאָרגנברויט,
דאָס פאַרשעמטע און הייליקע
און לאָזט הענגען אויף די ווענט
זײַנע גליִענדיקע אויגן,
ווי צוויי פייגל פון שוואַרץ פײַער.

די דאָזיקע פייגל האָבן שנאָבלען
און זיי פּיקן־אויס דאָס פּנים פון פרימאָרגן.
די דאָזיקע שוואַרצע פייגל פײַער
צירן־אויס דעם יונגן טאָג מיט קריינדלעך אַש.

אין בעטאָן פון פאַרוואָלקנטן שטאָטקאַסטן
קלינגען לאַנג פאַרגייענדיק זײַנע טריט
און זײַן קאָפּ אין אויפגעשטעלטן קאָלנער
וויגט זיך געקרייציקט
אויף אַ נאַקעטן ווינטערבוים.
אָוונט־צו פלאַקערט אין וואָלקן
זײַן פאַרשטויבטע קודלע מיט חלום.

איך זע:
פון דער דאָזיקער קודלע
שפּראָצט אַרויס אַ שטערן,
אַ זאַנג און אַ טויב.
אַ הענטל פון אַ קינד — ווי אַ צווײַגל.
איך הער:
אַרום דער קודלע
זינגט דאָס ערשטע געוויין פון וויטיק.

איך זאָג:
דאָס דאָזיקע אָרעמע ברויט איז הייליק,
איך זאָג —
ס'איז געטלעך ברויט.

און ווען די נאַכט ציט־אַרײַן אין טוכלען מאָך
איר שוואַרצע רוישיקע קאַרעטע,
וויגט ער זיך נאָך — דער מענטש,
ווי אַ צוגענאָגלטער גאָט צום בוים פֿון פּײַן.

און ווען ס׳פֿאַלט די ערשטע רויז ליכט,
ווי אַן אויפֿגעשניטענע ווונד אויף זײַן פּנים, —
גייט־אויף שטראַליקע הייליקייט
אויף זײַנע צען פֿאַרקראַמפּטע פֿינגער.
די דאָזיקע שטראַליקע הייליקייט איז שענער,
ווי דאָס ליכט פֿון אַלטן צען־געבאָטיקן שטיין.

שפּעטער —
ווען דאָס קאַלטע לבֿנה־מעש
זשאַווערט־אָפּ דאָס גראַנעטענע נאַכטבלוי,
דאָס גראָז ווערט נידעריקער,
דיביימער — אײַנגעשרומפּענער אין שאָטן,
די באָרוועסע שטילקייט דעכעט
אונטער שטייניקע טרעפּ און ראָגן
און דאָס געוואָי פֿון ווינט
אײַלט וואַנזיניק איבערן דרימלענדיקן שאָסיי, —
עפֿענען זיך אויף זײַנע אויגן,
ווי טיפֿע ברונעמער צער.

דער צער פֿון אַ מענטש, וואָס לעבט שטאַרבנדיק
און שטאַרבט לעבנדיק.

איך זאָג:
אין גאָלדיקן נעפּל פֿון מײַן שטאָט
ברעכט נאָך עמעצער אַרוים פֿון קעשענע,
ווי זשעדנע כזיתלעך זון — זײַן ברויט,
דאָס אָרעמע און הייליקע,
און לאַנג וויגט ער זיך צווישן שאָטנס,
וואָס קוקן אויף אים —
דעם נאַכטיקן דאָרנבוים פֿון פּײַן
אַזוי ליכטיק און שיין —
שענער פֿון אַ געקרייציקטן גאָט.

בוענאָס־אײַרעס, 1951

אַרום מערקאַדאָ אַבאַסטאָ

די געגנט

די געגנט — קאָנווענטיזשעס, אָפּגעקראָכענע הײַזער מיט פענצטער
ביז אַראָפּ דער ערד — מיט צעבויגענע זשאַווערנדיקע קראַטעס;
הינטער זיי שימלען צעטאָטשעטע לאָדנס, ווי עובר-בטלס,
זיי וויגן זיך, מורמלען און קרעכצן.
די שויבן — פאַרשטויבטע, פון ווייסעך כמה יאָרן ברודיק,
די טירן — מיט שטיקלעך בלעך געשטיקעוועט און ברייט פאַרלאַטעט,
די ווענט — די אַלטע גרויע עדות פון צײַטן קאָלאָניאַלע,
פון ווינטן, זונען — צעטראַסקעטע, צעלעכצטע.

די געגנט אָווירט מיט טוכלע רעטעך, מיט עפּל, מיט קעזן,
מיט ציבעלעס, מיט שאַרפער קעצישער השתנה;
אין שערווענדיקע אַלפּאַרגאַטן קריכן דאָ אַראָפּ די פרימאָרגנס
פון קאַטרעס, פון טערקישע בעטלעך — מיטן טאָגלעך פריִע.
די ראַגיקע באַרן, די טאַבערנעס ווינקען שוין מיט שוים פון קאַוועלעך,
מיט קרוכנדיק געבעקס, מיט פרישע „האַלבע לבנות"
און מיט גרינע גראַפּעס, וואָס לאַנג אין פרימאָרגנדיקן גאָרגל,
ווי פײַער — בראָטן זיי און בריִען.

אין געגנט פון מאַרק אַבאַסטאָ — דער שפּײַכלער פון פליישן,
פון גרינס, פון כלערליי געמיזעדיקע שפּײַזן —
וואַלגערן זיך צעריסענע באַסקישע גאַרטלען, פאַרראָסטע קאָפּיטעס,
צעטראָטענע שאַלעכצן פון מאַנדאַרינקעס און באַנאַנעס;
און קינדער קריכן דאָ אַרום, גאָט מײַנער, ווי ווערעס, ביזן פּופּיקל נאַקעט,
מיט קאָקליושן, באַרוועס און פאַרלײַזיקט.
נישטאָ אין קאָנווענטיזשעס — אייביק באַהאָנגענע מיט נאַסע העמדער,
קיין וואַרעמע באָד, קיין לײַטישע וואַנע.

די ברייט-וואָנציקע טאַטעס דאָ — גוטמוטיקע, זינגענדיקע איטאַליענערס,
פעסט-טראָטיקע שפּאַניערס, וואָס שפּאַנען אָן פּרעטענזיעס אין וואָכעדיקע יאָכן.
נאָר פונקט ווי דער פּאָפּוגײַ אין זוניקער פּאַטיִע — זיי האָדעווען
אין האַרצן דאָס פייגעלע פון האָפענונג און גלויבן,
אַז כאָטש דאָס לעבן איז שווער, נאָר מיטיק דאַרף מען קאָכן,
און קיינעם פּאַלט נישט אײַן אָ וואַרף-טון די האַרטע דאָליע
און זיך שלעפּן איבער שוועלן נדבה-סענטן קלויבן.

דאַניאַ מאַריִע

אין דער־אָ געגנט קריגן זיך די טעג מיט די נעכט, די פענצטער מיט די טירן,
די מאָזאַיִקעס מיט די אַלט־צעקלאַפּטע שטיינער.
טיר מיט טיר לעבן נישט בשלום, אין פאַרטויבנדיקע געשרייען
הוידען זיך די טעג און נעכט מיט ווילדע קללות:
דאַניאַ מאַריִע האָט פאַרקערט איר חלקל מיסט צום שוועל,
צום גבול פון אירס אַ צווייטער שכנה
און דאָן פּעפּע האָט אַ וואָרף־געטון, טאַקע בלויז אויף קאַטאָוועס —
צום צווייטנס טיר אַ זשמעניע באַנאַנע־שאָלן.

— „איז וואָס, — טענהט דאַניאַ מאַריִע, — אַזאַ גוואַלדעניש, געליאַרעם,
פאַר וואָס אַזאַ־אַ געצונדענער געבייזער?
דער אוניפאָרמירטער בעזעם שפּאַצירט דאָך סײַ ווי אַרום כסדר
איבערן שאָסיי, איבער גאַנצער לענג פון טראָטואַרן, —
איז צו וואָס, — פרעגט זי, — דער שפּריצנדיקער כעס, דער פאַרדראָס,
די אָנגעדראָדלטע, פאַרקרימטע נעזער?
דער אַלטער פּאַברע גאַסנקערער, דער גוטינקער און ווילער,
וועט דאָך — אָן קיינעמס שאָדן — אַלץ פאַרקערן און פאַרשאַרן".

די וועלט איז שלעכט — טראַכט מאַריִע — שלעכט! איינער וואָלט וועלן,
ווען ער זאָל קענען — אײַנשלינגען דעם צווייטן.
יאָ, די וועלט איז גאָר שלעכט, וואָס איז דאָ צו ריידן? — און זי פאַרקלאַפּט
די טיר אָן רוגזה, גאָר מיט רחמנות צו דער שכנה.
זי נעמט אויפזידן אַ טשײַניקל וואַסער, און פאַרטראַכטערהייט
אַ ביטערע מאַטע זיך גרייטן,
כאָטש טרינקען וועט זי איצט אַליין, אַ ברירה? אַז די וועלט — פּסקנט זי —
איז שלעכט און קיין פרײַנד איז דיר נישט קיינער.

ליבע

נישט דערלעבטע, נישט אויסגעלעבטע, ווי פרי־פאַרוועלקטע עפּל,
וואָס פאַלן רווישלאָז פון דיביימער — זענען דאָ די ליבעס.
זיי הייבן זיך אָן צו פערצן, זעכצן און ביי אַכצן, צוואַנציק
איז שוין אַלץ אָפּגעבליאַקעוועט, צוגעגעסן.
מיידלעך מיט צעפּלעך נאָך האָבן שוין פון אַ יאָר, צוויי צוריק „חתנים",
האָבן שוין ברייטע היפּטן, אָפּגעשפּאַרטע קליבעס,
ווי מוטערס וואָס האָבן נישט געמוטערט, ווי פעלדער נישט־דעראַקערטע,
איז נישט איין מאָל אַ ביי־סטרוקל ווערט אויפן מיסטקעסטל פאַרגעסן.

דאָ „ליבט" מען זיך אויף די פינצטערע טירן, ביי די ווענט, אין די ראָגן,
הינטער לײדיקע וועגענער, אויסגעשפּאַנטע פורגאָנעס.
מ׳טוליעט זיך שעהען־לאַנג איינס אין אַנדערן, ווי צוגעוואַקסענע,
העט נאָכן האַנקריי, אין בלווילעכן באַגינען.
די גופיק־גאַסנדיקע ליבע הייבט זיך אָן מיט אַ ווונק בלויז,
מיט אַ שמייכל — אָן בלומען, אָן מתנות.
די נישט־דערטרוימטע, נישט־דערבענקטע, נישט־דערוואַרטע ליבע דאָ
ווערט אין איין אויגנבליק זאַלבעצווייט געפינען.

די שעה־האָטעלן, וואָס גלאָצן אין די ראָגן מיט רויטע בעלמעס,
מיט ברייטע טירן־טויער — שטענדיק אָפן,
גאַפן אויף די שאָטנס ביז אַרויף די ווענט, וואָס וויגן זיך
צעגאָסענע און בלייבן פלוצעם איינגעקראַמפּט, פאַרשטיינערט...
די ביימלעך ווייסן דאָ נישט פון קיין סודות, אויסגעברענטע ווערטער
און רויק שווייגן זיי און שלאָפן,
ווי די קאָנוועגטיזשעס — צוגעדעקט מיט נאַכט, מיט כראָפּ און רו,
ווען בלויז אַ פּיצעלע אַ קראַנקס נעמט צו מאָל זיך וויינען.

און אַז די זונטיקן שערוועז אַרוים אויף שוועלן אויפגעבלאָזענע בייכלעך,
שטאַרציקע ווי רייפנדיקע קנאָספן — אין טאָג אַרײַן אָן בושה, —
פרעגט נישט קיינער אויף טאַטעס ווער און ווו זיי זענען,
די טאַטעס — פרילינג־נעכט — ווייט שוין אָפּגעפלויגן.
אַ ליאַדע מאַרגן וועלן יונגע מאַמעס האָדעווען פרישע ביי־סטרוקלעך
און קעגן ליכט פון טאָג — זייגן זיי און קושן,
כאָטש דער פרייז פון זייער ליבע — זאָרג און שווערע האָרעוואַניע,
וועט נישט איין טאָג אַרויסווייינען פון זייערע אויגן.

אַ זקנה

צעקנייטשט און האָרבאַטע איז די זקנה פונעם שאַפּקעלע
מיט פּעקלעך צען, צי צוואַנציק פּאַפּיראָסן.
די קנייטשן מעסערן זיך פון שעה צו שעה אין איר גוף אַרײַן,
ווי אין טוכלע קבר־ערד מיט גראָבנדיקע ציינער.
ווײַט אין די נעכט אַרײַן, ווען טירן־פענצטער דאָ און דאָרט
ווערן אויסגעלאָשן, מיט ריגלען אָפּגעשלאָסן —
הויקערט נאָך די זקנה און דרימלט, טשוכעט זיך, שעלט
און וואַרט אין טויטן חלום אויף אַ קונה.

אין ביטערע רעגן־טעג, ווינטיקע אָוונטן, ווען ס׳געוועלטיקן
פּראַנק און פרײַ אָנגעכמורעטע פּאַרנאַכטן,
די זקנה וויקלט זיך פון שאַל אַרום־אַרײַן, אירע אויגן —
פּאַרלויעטע לאַמטערנדלעך — לעשן זיך און צוקן.
זי האַלט גרייט אין אירע ווינטיקע ציטערנדיקע הענט
דאָס אויסגעשטרעקטע פּאַפּיראָסן־שאַכטל;
די נאַכט כמאַרעט זיך און אײַלט אַ ברוגזע, אַ שווערע
איבער איר צעבויגן־אָנגעהאָרבעטן רוקן.

קיינער קומט נישט פרעגן אין אַ נאָווינע אַ שאַכטל שוועבעלעך
בײַ דער זקנה אין שפּעטע טריבע אָוונט־שעהען.
די פּאָרלעך, וואָס שאָטענען פאַרבײַ אין געהיימער בלאָנקעניש,
אײַנגעטוליעטע, קאָפּ צו קאָפּ — פּאַרליבטע,
באַמערקן נישט אַפילו, אַז דאָ־אָ, אויסגעצויגן אויף דער וואַנט,
הענגט אַראָפּ אַ מענטש — אַ פּעקל שמאַטעס קרוע־בלוע,
נאָר אַז אַ האַרץ געפינט זיך נאָך אונטער זיי — אַ לעבעדיקס,
וואָס קלאָגט אַרום דורך אירע אויגן טיף־באַטריבטע.

זונטיק־רו

אין די זומערדיקע זונטיקן, ווען זון זעצט זיך צו אויף שוועלן
און גליט איר היים־צעשווייסט פּנים אויף די שויבן,
פּויזען־אום די מענטשן פֿונעם געגנט אין סאַמע אונטערוועש,
די טאַטעס אין די גאַטקעס, די מאַמעס — אין לאַנגע קאַמיסאָנען.
דער לאַנגווייַל יאָגט די הינט נאָך קעץ, דאָס קליינוואַרג
טרייַבט אין טומל די שכנישע און פֿרעמדע טויבן.
די טאַטעס שפּילן אין דאָמינע, דאָס יונגע, אַלטע ווייַבערוואַרג
דערציילט זיך טשיסטעס, קוויקן זיך מיט רעפּטעלעך מעלאָנען.

די זונטיק־רו איז דאָ אַ פּשוטע, אָן שפּאַציר, אָן געסט, אָן וויזיטן.
זעלטן פֿאַרגינט מען זיך אַ סינע פֿאַר געציילטע סענטן.
דער ווייַטער אויפֿגעטאַנצטער ריטם פֿונעם שטאָטישן צענטער
דערגייט נישט אַהער, דערגרייכט נישט זייערע טירן.
די מענטשן דאָ — וואָכעדיקע לייַט פֿון מאַשין און פּראַצע,
לעבן נישט פֿון האַנדל, אַוודאי נישט פֿון רענטע.
אַפֿילו פֿון קיין טשאַנגע בלייַבט זעלטן אַן אָפּגעשפּאָרטע פּעזע
און דאָס קליינע „צעטעלע" ברענגט אויך נישט קיין עשירות.

רוקט זיך אָן דער אָוונט, ווי די טאָלדע איבערן פּאַטיע — אַ פּייַכטער,
אַ שווייסיקער, מיט שטורעם, מיט מבולדיקן רעגן, —
מאַכט מען אַ וואָלטע, מ'שלינגט אַ פּריש־פּאַרעדיקע פּיצע
און מ'פֿאַרזשליאָקעט מיט סעמיזשאָן — אַ גלעזל נאָכן צווייטן.
קומט מען צוריק אין די פֿאַרלאָשענע פּאַרוואַנצטע קאָנווענטיזשעס,
ווו ס'ברודיקן די אויפֿגעבעטע קלעפּיקע געלעגערס
און די פּריִע, נישט אויסגעקלינגטע שעהען פֿון כריפּענדיקע זייגערס,
כדי דעם שלאָף מיט כראָפּעניש היימלעך צו באַגלייטן.

דער טויט

אין אַבאַסטאַ־גענגט שפּאַנט אַרײַן דער טויט אַלע אויפדערנאַכטן
און פרימאָרגנס מיט שוואַרץ־געדעקטע ביליקע עגלות.
די פערד — קרעפּ־פאַרפוצטע — מיט פּאַמעלעכיקע שפּאַן,
ווייסן שוין דעם וועג אַהער, ווי די שקאַפּע פונעם ברויט־פאַרטיילער.
די מענטשן דאָ עקן זיך פאַרפרי פון אַלקאָהאָל, ווענעריע
אויפן אייגענעם בעט, דערקומען נישט אין שפּיטאָלן,
ווי די קינדער, וואָס שטאַרבן טוצנווײַז פון שלאָפקייטן, מיזעריע
און זעלטן קויפט מען אַ רעצעפּט, קומט אַ דאָקטער היילן.

די פראָסט־געהובלעוועטע טרומנעס באַגלייט מען נישט מיט בלומען
און קיין צו פיל טרערן פאַלן נישט אויפן קאַסטן מיטן טויטן;
קיינער איז נישט מלווה צום צווינטער דעם אויסגעצאַנקטן שכן,
וואָס נעכטן ערשט האָט ער גערעדט, געשמייכלט.
דער טויט איז דאָ אַ גלײַכער מחותן צום לעבן, אַ גלײַכער שותּף
צו אַלע טעגלעכע ביטער־אויפגעשריגענע נויטן, —
נו, נעמט ער זיך זײַנס אַ יעדן טאָג, פאַרבעט צו זיך אַ זקן
און אַ־לאַ־זשאַפּע — אַ קינד מיט באַקן בלייכע.

אין די אָוונטן, ווען דער מת איז שוין נישטאָ, זײַן געביין
רוט שוין בשלום אין דער ליימיק־קאַלטער דירה,
ליאַרעמט אוים דער ראַדיאָ אַ טאַנגאָ, אַ זים־ראָמאַנטיש לידל
וועגן אייביק לעבן און וועגן ליבע.
די האַלב־פינצטערע קאָנווענטיזשע הוערט מיט נאַכט, נאָר די טאָכטער
וואַרט אויפן שוועל, עמעץ זאָל קומען זי אַ ביסל אַמוזירן,
כאָטש אויף די ווענט וויגט זיך נאָך דעם טאַטנס טויטער שאָטן
און זײַנע טריט זענען נאָך אין אַלע ווינקעלעך פאַרבליבן.

די „סיעסטאָ"

מיטן ווײדל קרײַזנדיק שפּילט זיך אויף דער עלטער אַ בלינדער קאָטער,
פּאַרקוקט אויף אַ פליג און בריהט זיך זי כאַפּן.
פון אַ שויב, ווי פון אַ קראַנק אויג — טריפן טראָפּנס זון ווי אײַטער,
אויסגעמישט מיט בלוט ביז אַראָפּ אויף צעגליטן טראָטואַר.
אַ הונט, ווי אַ שקראַב, אַ צעדרייטער שטיוול — וואַלגערט זיך אין שאָטן,
מיט אַרויסגעשטאַרצטער צונג פּריעט ער און סאָפּעט.
דער גאַסנקערער, צוגעלענט צום מיסטקאַסטן, כראָפּעט זײַן סיעסטע
אין פיר־בײַטאָגיקן בוענאָס־אײַרעסער זומער פון יאַנואַר.

אין באַר „דער קופּל ביר", מיט האַלב־אַראָפּגעלאָזטע גרינע שטאָרן,
אַ יאַדיש־לעווער וואַנטזייגער כריפּעט ווי זײַן האַר — מיט אַ האַלדז פאַרבערענטן
איבער דרימלענדיקע צעשווייסטע לײַבער פון הענדלער־אַמבולאַנטן
נאָכן אָפּשטופּן דאָס וועגל פולע טאָמאַטעס דעם גאַנצן מאָרגן.
אוודאי איז זיי בעסער, ווי די קלײַבערס פון פלעשער, בלעטער, בוימל־בלעכן,
וואָס ס'שענקען זיי די טשינאַס פאַר אַ ביליק פלירטל, צי פאַר סענטן, —
ווער שמועסט שוין פון די, וואָס באַרבלען זיך ווי די מײַז אין מיסטן
צו געפינען זייער ביסן ברויט פאַרן צעטריקנטן גאָרגל.

דאָס בויערנדיקע קול: עלאַסטיקאָס! פּעינעס! — שלענגלט זיך טיפער אַרײַן
פון קוואַדרע אין קוואַדרע — מיט טיף־טרויעריקן עכאָ,
אָבער קיין פּנים ווײַזט זיך נישט אין שויבן, צי אויף שוועלן,
וואָס באָדן זיך אין זונגלי פון דער האַלבטאָגיקער חמימה, —
כאָטש די מיידלעך, אָ, זיי הערן שוין גוט דאָס קול, וואָס קלעטערט, דראַפּעט
זיך אַרויף צו זיי אין הייסן דרימל אויף אַסאָטעאַס, שאָטנדיקע דעכער,
ווײַל אַ מאָל מוז מען דאָך אַפילו איין מאָל דעם פּאָברע רוסאָ אויך באַצאָלן
און היפּשע חובות זענען דאָ נאָך פון פאַר אַ יאָרן זומער.

די שווערע קלעפּיקע לופט דאָ, דער געשטאַנק פון בלוט און פלייש
איז דאָ אַזוי געדיכט — ממש מיט אַ מעסער זי צו שנײַדן.
די פרירקאַמערן פון „סוויפט" און „אַנגלאָ" פאַראַווירן דעם ליבן זומער
מיטן געזאַלצענעם פאַרשלאַגנדיקן ריח, ווי פון פגירה.
די שכנים רינג־אַרום, ענג־באַוווינטע, האָבן נישט מיט וואָס צו אָטעמען
און פרייכן, הוסטן, ניסן, שווײַגן־צו און לײַדן;
נאָר ווי איז צו די זקנים אַסטמאַטישע, וואָס קענען דאָ נישט שלאָפן,
די לופט דושעט זיי ביז טויט אויף די אייגענע טירן.

די פּעאָנעס פון די פרירקאַמערן, קוקט זיי אָן — אין פולן זומער,
ווי מענטשן פונעם נאָרדפּאָל, אַלאַסקאַנער, עסקימאָסן:
אין שטיוואַליעס ביז נאָך די קני, אין ווײַסע כאַלאַטן אויף פעלצן,
אין פוטערנע הענטשקעס, ביז איבער די אויערן — באַראַשקענע בערעטן,
ווען זיי וויגן זיך מיט טופּעריי אַרײַן אין דערנעבנדיקע פאַנדעס.
און אַז זיי האָבן שוין די קישקעס מיטן גיפטיקן שפּירט אָנגעגאָסן,
שעלטן זיי זיך איבער מיט כלערליי סלאַווישע, שפּאַנישע קללות בייזע
און ווען מען פריִער דאָס האַרץ וועט פּלאַצן — גייט מען אין געוועטן.

אָפט צעהרגעט מען זיך נאָך אַן איבעריק וואָרט, אַן איבערגעכאַפּטע כוסה,
די רויטע יוכע יושעט פון אַן אויפגעלאָפן, אויפגעשפּאָלטן פּנים
און טראָפּנס בלוט, וואָרעם־מענטשלעכס, מישט זיך אוים אין איינעם
מיטן בהמישן — פאַרגליווערט אויף כאַלאַטן שווייסיק.
נאָר ווען ס'טוט אַ זינג די זאַנגיקע לאַנדשאַפט פון ווײַטע היימען
אין אומעטן פאַרזויפענע פון בלאָנד־סלאַווישע פּעאָנעס, —
נעמט מען זיך אַרום גוט־ברודעריש, מ'קושט זיך אוים די מאָרדעס
און מ'יאָגט זיך צו דער אַרבעט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פויסטן הייסע.

אַ שלײַפער

צו מאָל, אויפן שימל פון צעבויגענע גרוי־מויערדיקע ווענט פונעם געגנט,
צעטאַנצט זיך דאָס זינגענדיקע שטאָל פון אַ שער, אַ מעסער, —
אַן אַלטער שלײַפער אין בלעכענע ברילן שפּילט נאָך אום אויפן שלײַפשטיין
די פּראָסטע סימפאָניע פון פּראַצע, פון ברויט און געלעגער.
אין העלן טאָגבלוי שפּריצן־אויף, ווי גליווערעמלעך, טאַנציקע פונקען
און לעשן זיך גיך־גיך, ווי דעם אַלטנס אויסגעשלײַפטע טעג און מעת־לעתן.
דאָס אײַליקע רעדל דרייט אויף און פאַרדרייט דעם ראָד פון זײַן לעבן,
וואָס האָט לאַנג שוין פאַרקלונגען אויף קויטיקע ראָגן, אין ווינט און רעגן.

דאָס וואָכיקע ליד פון צעזונגענעם שטאָל, וואָס איז דאָ יעדן היימיש,
ציט אַרײַן אין קאָנוועגטיזשעם מיט אַ ווײַטן מעטאַלענעם אומעט:
איינעם דערמאָנט עס אַ דאָרפישן פלוג, אַ צווייטן — אַ זומערדיקע קוזניע, אַ האמער,
אַ דריטן — אַ גאַלפאָן, אַ פאַבריק, אַ ראָד צי אַ טורבינע — — — —
און דער איבערגעבויגענער שלײַפער דריקט האַרטער צום שטיין דאָס מעסער,
וואָס חלפט מיט גלאַנציקער שאַרף די צעשטילטע באַזונטע אַרומען;
דאָס מעסער קײַכט קעגן זונגלי מיט מיליאָנען העל־אויסגעשורהטע ציינער
און דער קלאַנגיקער אָטעם ווידערקולט פון סקינע צו סקינע.

שפּעטער, ווען דער שלייפער דערפילט אויף זײַן שאַרסטקע צעקאַרבטער דלאָניע
דעם מאָגערן לוין פון עטלעכע אָפּגעריבענע מטבעות,
באַטראַכט ער זיי אַ רגע פון אונטער די ברילן מיט באַשמייכלטע וואָנצעס:
איז נאָך אַ טאָג אין דער פּראָסטער סימפאָניע אויף מײַנע הענט אויסגעגאַנגען.
ער נעמט דאָס געשטעלכל ווי אַ שפּיל־אינסטרומענט אויף דער האַרביקער פּלייצע
און הוידעט אַוועק זיך — אַנדערע באַריאָס מיט זײַן ליד צו דערפרייען,
בעת דאָס מעשענע פּײַפל, וואָס פּײַפלט אַרײַן אין דרימל פון הייסן נאָכמיטיק,
קילט זײַנע טרוקענע ליפּן מיט דרײַטאָניקע טרויעריקע קלאַנגען.

אַ שפּילקאַסטן

אין פרילינג־טעג, ווען יונגע זונען שפילן זיך אויף אויסגעבראָכענע טראָטוארן,
אובערקולאָזע ביימלעך טשוכען זיך אוים פון נעץ און קעלטן, —
פאַרקלייבט זיך אַהער אַ קאַטערינקע, אַ פּאַפּוגײַ און ראָזעווע מזל־קוויטלעך
פאַר פאַרליבטע, וועמענס האַרץ איז שוין לאַנג אויף שטיקער צעריסן.
די קאַטערינקע דרייט אַ פאַרצײַטישן וואַלץ אין געדיכטן אומעט,
אין אָפענע פענצטער וואַקסן־אָן פרויען־קעפּ פון פאַרשיידענעם עלטער
און מיידלעך, מיט צעפלאָשעטע האָר באַפאַלן דעם שפּילקאַסטן, ווי בינען —
דעם סוד פון זייער מזל דורכן קוויטעלע זיך צו דערוויסן.

דער קאַטערינטשיק — אַ קוטשעראַווער יונג, מיט אויגן — שפּיציקע מעסערס,
אין געקעסטלטן רעקל, אין קאָלירטע הויזן איבער די שיך פאַרצויגן, —
אָ, ער קען שוין דעם צאַפּל פון יונגע בריסטלעך פון אָרעמע היימען,
דרייט ער שטאַרקער די קאָרבע און זײַן פּנים ממזרט און שמייכלט.
דער פּאַפּוגײַ ציט די ראָזעווע קוויטלעך און קווישעט זיך אונטער
פונעם פאַרביקן העלדזל, זײַנע אייגלעך פינטלען ווי רויגן.
אין קאַטערינטשיקס טײַסטער קלינגט דאָס ניקל צום ריטעם פונעם וואַלצער,
וואָס פאַרטויבט מיט לירישן גרילץ די קוואַדרע — פרילינג־באַזונטע.

די מיידלעך, צוגעשפּאַרט צו ביימלעך, שלינגען זשעדנע די שורהלעך פון קוויטל
און רויטלען זיך, שושקען זיך, קנײַפּן זיך איינס דאָס צווייטע
אין שײַן פון פלוצעם־אויפגעהעלטע פײַערלעך — באַנגען און באַגערן.
זייערע בליקן, ווי צעפינקלטער זשאַר פון נישט־אויסגעלעבטע חלומות,
גליען ווײַט אַריבער די קוויטלעך, זייערע הערצער קלאַפּן — —
דער קאַטערינטשיק, דער אויסגעשפּילטער יונג, אין פאַרביקע הויזן ברייטע,
פאַרנעמט אויף גיך ס׳שפּילקעסטל, דעם פּאַפּוגײַ, וואָס האָפּסלט אויף זײַן אַקסל,
און הינטער אים קײַכט אַ געלעכטער, וואָס ציט אַוועק זיך אין די רוימען.

בוענאָס־אײַרעס, 1948



טשילעניש

...„זיי שטײַגן די טרעפּ אַרויף צו הייליק־ברייטע טירן,
זיי קלאַפּן־אָן און רופן, בעטן מיט ביטערן כליפּ:
אָ, טאַטע איבער אַלע וועלטן, גיב אַ בעט, אַ דירה
און אויך דאָס ברויט דאָס אָרעמע אונדז גיב".

נאַכט אויף סאַן דיעגאָ

א

די נאַכט אווירט דאָ מיט שאַרפע אַלקאָהאָל-געטראַנקען,
מיט זויערער השתנה פון מענטשן, הינט און קעץ;
זי ראַיעט זיך בלינד אַ פאַרזויפּענע און קראַנקע
אין מיסט, אין מייקענע, סיפילים און קרעץ.

דאָס בלייך-פאַרשיכורט פּנים פון דער פולער לבנה
בלאָנדזשעט איבער פלאַכע דעכער, הײַזקעס פון לײם,
זי הערט אַ טאַנגאָ פון הייזעריקע גראַמאָפאָנען,
אָדער אַ קאַטערינקע וואָס אײַלט שוין צוריק אַהײם.

די רויטע, גרינע שילדלעך גליוועריען צעשוויגן
איבער שמאָלע געוועלבלעך אָן שויפענצטער, וויטרין.
די פאַרקראַטעטע פענצטער, די טירן אויפן ריגל
גלאָצן אין דער נאַכט אַרײַן אומהיימלעך און בלינד.

אויף פּרוכנע ווענט, צעטרעשטשעטע פון אָפטן ערדציטער,
האָרביקן זיך שאָטנס פון לעמפלעך קליין און בלאָס.
נאָך אַ גרעזל, אַ ביימל — אַנגעטון אין בליטן —
צאַנקט דאָ אוים פון בענקשאַפט יעדער שטיין פון גאַס.

אויף הילצערנע גאַניקלעך פלאַטערן נאַסע העמדער,
די פאַרהאַקטע פערסיאַנעס לויערן מיט פאַרדאַכט.
בלויז אָפענע האָטעל-טירן רופן היימיש יעדן פרעמדן
צו די צעקנייטשטע געלעגערס אויף אַ גאַנצער נאַכט.

איבער קרעכצנדיקע טרעפּ, וואָס טרעפּלען געדרייטע
זיך אַרויף צו צימערלעך — וואַנציקע מיט פליי,
וואַקלען זיך באַטרונקענע שאָטנס צו שאַנד-בעטן גרייטע,
ווו שווינדזיכטיקע זונות וואַרטן שוין אויף זיי.

ווי די פליי און וואַנצן — אויסגעזעצט אין קופּעס —
וואַרטן מיידלעך מינדעריאָריקע אויף טירן פון האָטעל.
זיי קלעפּן ווי די פלאַטערלעך אַרום לאַמטערן-סלופּעס
און ווינקען, רופן פרעך פון יעדער טיר און שוועל.

אין די פּוענטע דע סאָדאָס, אין רויכיקע טאַבערנעס,
וואָס טונקלען ברודיקע מיט פלעשער ווײַן און ביר, —
שאָטענען אַרום טישלעך פאַרלאָשענע פּנימער מיזערנע
פון גרופּקעס נאַכט-פאַרליבטע צו צוויי און צו פיר.

אַרום די דאָזיקע שענקלעך, פאַרקאָפּטשעטע און נאַסע,
טוליען זיך שלעפערס, קאַליקעס אָנפּיסיקע, אָן הענט
און שעפּטשען, בעטן מיט אַ פינצטערער גרימאַסע:
„שענק, ליבער מענטש, אַ טשאַוטשאַ — צוואָנציק סענט!"

די באָרוועסע שלעפערס, האַלב-נאַקעטע, אָן הויזן,
אָן אַ העמד אויפן פאַרלײַזיקט-אויסגעטריקנט לײַב, —
זיי וויגן זיך און דרימלען, קראַצן זיך און לויזן
און חלומען נאָך פון ווײַן, אַ זונהדיקער ווײַב.

דעם אויסגעבעטלטן פּדיון ביז לעצט זיי פאַרטרינקען
אין די קויטיקע פאָנדעס מיט טשיטשאַ, מיט ווײַן
און שפּעטער מיט אַ ווײַב זיי וואַקלען זיך און זינקען
ווו ערגעץ אין אַ קעלער אַ פינצטערן אַרײַן.

און נאָכן ווײַן, נאָכן ווײַב — נאָכן זשעדנעם פאַרגעניגן
קעגן דער לבנה איז ער משתין פראַנק און פרײַ.
און ווידער אויפן הוילן ברוק פאַרמייקנט, אָנגעשפּיגן —
ער קנוילט זיך אײַן און חלומט שוין אויף ס'ניי.

ב

נישט אַנדערש איז דאָס מזל פון בעטלענדיקע ווײַבער,
וואָס שלעפּן זיך מיט קינדער — מיט זעקס, מיט אַכט,
מיטן נײַנטן ביי דער ברוסט, דעם צענטן, וואָס נעמט זיך קלײַבן
צו קומען אויף דער וועלט פון איר מאַמע־טראַכט.

ס׳איז דאָס מזל זייערס צו אַ צויג אַ געשלאָגענער געגליכן,
תמיד אויף די מיסטן — אָן אַ טיש, אָן אַ דאַך.
און כאָטש זיי דאַרפן זייער בעט אונטערן הימל נישט זוכן,
האָבן זיי נישט קיין שלאָף ביז טיף אין דער נאַכט.

ערשט פאַר טאָג, ווען ס׳בלויט איבער די קאַרדילערן,
ליגן פּיצעלעך אײַנגעפלאָכטן אויפן נאַקעטן שטיין.
איבערן שוואַרצן קראַנץ פון קעפּלעך — פאַרוואָגלטע, שווערע,
שנירלט זיך זייער גורל אין טרערעלעך געוויין.

די טרערעלעך פון קינדער, הונגעריק און פאַרוואָגלט,
קלײַבן זיך און קײַקלען זיך אונטערן לבנה־שײַן
דורך גאַלוועס, דורך קאָנדאָר און איבער אַלע ראָגן
ביז זיי בלײַבן פאַר אַ קאַפּליצע ציטערנדיקע שטיין.

זיי שטײַגן די טרעפּ אַרויף צו הייליק־ברייטע טירן,
זיי קלאַפּן־אָן און רופן, זיי בעטן מיט ביטערן כליפּ:
„אָ, טאַטע איבער אַלע וועלטן, גיב אַ בעט, אַ דירה
און אויך דאָס ברויט דאָס אָרעמע אונדז גיב — — — ״

נאָר ס׳שווײַגט די פּאַרכטיקע נאַכט, ס׳שווײַגן טירן שווערע.
בלויז די טויבן, וואָס טשוכען זיך אויפן שטיין־קאַרניז,
וואַרקען און ליבן זיך, טוליען זיך אַלץ מערער
און חלומען פון זעטיקייט, פון פרידלעכקייט געוויס.

און די לבנה בלאָנדזשעט אַ פאַרזויפּענע, אַ געלע
איבער אַ פלאַסע אַ דערטרונקענע אין שאָטנס פון גרינס,
אויך זי וואָלט איצט אונטער טרעפּ, אויף שוועלן
צוגעשפּאַרט איר קאָפּ, ווי דאָס היימלאָז גאַסנקינד.

וואָלט זי כאָטש אַ כמאַרעלע געהאַט אַצינד — די לבנה,
אַ וואָלקנדל — אַ קישן ווײַס־פּוכיק און דין, —
זי וואָלט אײַנגעניורעט איר מיד פאַרזויפּן פּנים
און לאַנג אַזוי געכראָפּעט ביזן בלאָען באַגין.

ג

דעם שלעפּער אויף דער פּלאַסע, ווי אַ וואָרעם איינגעקאָרטשעט,
וואָס האָט אויף זיך קיין העמד נישט און קיין שוך, —
איז ניחא דער שטיין, דער הוילער סטאַרטשענדיקער וואָרצל,
ווי דאָס ווייסע קישן פון דינעם ווייסן פוך.

זיין גוף איז שוין צום האַרטן שטיין פון גורל צוגעוואָגלט
און זיין טיפער אומעט איז אויסגעמישט מיט פרייד, —
אַזאַ אומעט, וואָס שמייכלט גאַליק פון הונגער־וואָגל,
אַזאַ פרייד, וואָס כליפּעט אַראָפּ פון זיין צעפליקטן קלייד.

יעדער מאָרגן זיינער איז אַ נס, אַ פילאָזאָפישער וווּנדער,
כאָטש זיין וועלט איז צעטרייסלט ווי די קרומע ווענט;
זיין גורל, זיין געמיט — אין וויין און פיין צעצונדן,
האָט ער פון קינדווייז אָן קיין אַנדערם נישט דערקענט.

און אַז איצט, אין לבנה־שיין, אויפן שטיין פאַרדרימלט
נאָכן אָנזופן דאָס בלוט מיט שטאַרקן וויין־געטראַנק, —
רוט אויף אים די ברכה פון דער ערד און פונעם הימל,
פלאַטערט אויף זיין פאַרבלויטער ליפּ אַ קללה־דאַנק.

ד

טיף שטומען די שטיינער, די ליימיקע ווענט, קויטיקע ראַגן,
ווען דער טויטנוואָגן שוואַרצט פאַרבײַ דורך זיי.
דורך זילבערנע פאַרנאַכטן ביז צו די ראָזעווע פאַרטאָגן
פאַרלויפט דאָ יעדער הויז מיט שטאַרבנדיקן ווײ.

ס'שווײַגן די הויכע הימלען, ווען דער ווײַס־געפּאַרבטער וואָגן
לויפט אײַליק און פירט אַ קינד פון העלן טאָג אַוועק.
אָפּט מאָל איז שוין נישטאָ ווער עס זאָל נעמען באַקלאָגן
די אייגעלעך פאַרלאָשענע אונטערן שווערן טרומנע־דעק.

און אַזוי־אַ סך־הכּלען די שיכרות־נעכט פון סאַן דיעגאָ
מיט דער שוואַרצער ציפער נול פון שאַרבנדיקן טויט,
וואָס טרעפט אין יעדנס האַרץ אויפן לעצטן געלעגער
נאָך ווײַן און ווײַב — אין געשטאַנק פון מיסט און קויט.

אַזוי לעשט זיך די לבנה אויס אונטער די קאַרדילערן
און פאַלט אַראָפּ — אַ קאָפּ — טויט און אויסגעברענט.
בלויז איינציקע עדות זענען די מיניענדיקע שטערן,
אַז די נאַכט ליגט און כליפּעט מיט פאַרבראָכענע הענט.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1943

אַ'היגינס

הער, ווי ס'שערוּוען נאַסע שמאַטעס אויף הוילע ביינער
פון דײַנע אָפּגעריסענע לונאַטיקערס, וואָגלער־פילאָזאָפן;
זע, ווי זיי זייגן דאָס לבנה־ליכט דורך זשעדנע ציינער
און אויף די צעשאָטענע ווענט חלומען זיי און שלאָפן.

הינטער די ביימער וויגן זיך דײַנע ברידער, ווי אויף קרייצן
און פון זייערע ברעמען כלינעט דער שיכורער דרימל.
נישט דער קאַלטער שטערן־גלימער קען מיר דאָ פאַרטײַטשן
זייער וויסטן גורל און אויך נישט דער שטומער הימל.

כ'קוק אויף דײַן וואַזשנע פערד, די שווערד וואָס שטרעקט זיך
איבערן בלויען פאַציפיק דורך די פאַרשנייטע קאָרדילערן, —
שטיי־אויף, גרויסער באַפרײַער, שטיי־אויף און צעוועק דיך
פון דײַן בראָנדזיקן שלאָף — וועסטו זען, וועסטו הערן,

ווי ס'שערוּוען די נאַסע שמאַטעס פון דײַנע זין אין וואָגל
דורך נעכט, דורך לאַנגע בידנע הונגעריקע מעת־לעתן,
ווי זיי גליווערן אויף די שוועלן פון פריִע פאַרטאָגן
פונקט ווי גרויסע ממזרים פון לעבן און טויט פאַרגעסן.

גיי אַראָפּ פון דײַן פּעדעסטאַל דעם הונדערטיאָריק־שווערן
און צי־אויס דײַן שטאַרקן אָרעם אין ברויז פון מרידה, —
קאַפּיטאַן, הייב־אויף דײַן שווערד, ווי אַ פאָן געבוירן אין טרערן
און דערלייז דײַנע אָרעמע פאַרוואָגלטע ברידער.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1943

אַווע מאַריִאַ

די אָנגעפאַרבטע זונטיק-נאַכט מיט טיף-פאַרזויפטע גלידער
בוקט זיך פרום אין קאַטעדראַל און ס׳ציטערן אירע קניִעס.
זי פאַלט מיטן פּנים אויף קאַלטע שטיינערנע טרעפּ אַנידער
אין כאָראַלן ווידערקול-געזאַנג פון הייליקער אַווע מאַריִאַ.

זי האָט לעצטן טראָפּן ווײַן פון אַלע גלעזער אויסגעזויגן,
נאָר דאָס האַרץ איז אײַנגעפּרעסט אין אַנגסטן, אין אומעט.
אין שאָטן ברענען נאָך מיט לעבן אירע פאַרזויפטע אויגן,
נאָר ס׳האַרץ בענקט שוין צום טויט און צו בלומען.

ווי רויטע עפּל אירע אויפגעפלאַמטע באַקן ציטערן, גליִען
און זי מורמלט פאַרגלייבט אַ תּפילה נאָך אַ תּפילה.
זי טריפט שטיל איר ווידוי צו דער הייליקער מאַריִאַ
און אירע פרומע ליפּן לעשן זיך אין זילבן קילע:

„הייל מיך, מוטער, הייל די ווונדן אין פאַרתּאַווהט לעבן
און שענק מיר דײַן גענאָד אין מאַטער פון די ווייען — — — ”
ס׳שוואַרצע טיכל אויף איר קאָפּ נעמט פליגלדיקער שוועבן
און פלאַטערט ווי איר האַרץ — צעשניטן אויף צווייען.

אויף די טרעפּ פאַלן, פאַלן שאָטנס ווי סוטאַנעס שווערע,
נאָר די נאַכט ליגט נאָך אַלץ מיט פאַרבויגענע קניִעס.
קיינער ווייסט נישט, אַז זי צאַנקט. קיינער וועט נישט הערן
איר לעצטע שטאַרב-זילב פון אויסגעלאָשענער אַווע מאַריִאַ.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

באַלאַדע פֿון באָרוועסן געוויין

אין קויטיקן העמד
אויף נאַקעטן שטיין,
ליגט בײַם מאַפּאַטשאַ
דאָס באָרוועס געוויין.

דאָס געוויין איז אַלט
מיט באַרג און ים,
מיט ווײַן, מיט בלוט,
מיט וואָלף און לאַם.

בײַם ברעג מאַפּאָטשאָ —
אויף פעלדזיקן שטיין,
שאַרפט דאָס געוויין
אירע שנײַדיקע ציין.

קומט־אָן דער אָוונט
אין שטויביקע שיך,
אַ רעפטל לבנה
טראָגט ער מיט זיך.

און עטלעכע שטערן —
ווי זילבערנע סענט,
בליצן אין זײַנע
פאַרוואָלקנטע הענט.

זאָגט דער אָוונט:
„פון צפונדיקן שליאַך
איך האָב אַ רעפטעלע
ברויט דיר געבראַכט;

און ווילסטו די שטערן,
נאַ זיי דיר גלײַך,
נאָר הער־אויף מערן
מיט טרערן דעם טײַך".

און דער אָוונט געלאַסן
טוט אַ שפּרייט
אויפן ברעג מאַפּאַטשאַ
זײַן טונקל קלייד.

ענטפערט דאָס געוויין —
דאָס באָרוועס געוויין:
„מיטן רעפּטל ברויט
דערוואַרג דיך אַליין!

איך וויל, די בלאָנדע
זעט פון מײַן לאַנד
זאָל גאָלדיק שפּראָצן
בײַ מיר אויף דער האַנט;

אַז דאָס אַלטע זעגל
פון טרויער און פּײַן,
זאָל אַראָפּ צום דנאָ
פון אַ פלאַשקע ווײַן — — — —"

נאָר מידער אָוונט
אין פאַרשטויבטע שיך,
שנאָרכט אין דרימל
אונטער בלויען ציך,

און דאָס רעפּטל לבֿנה —
דינער און דין,
ציט אַראָפּ אין טײַך,
ווי אַ גילדענע שפּין.

זאָגן די שטערן:
„מיט אונדז וואָס וועט זײַן?
לאָמיר גיין אין שענק
אויף אַ כּוסה ווײַן".

גייען די שטערן —
די זילבערנע סענט,
אין שענקל אַרײַן
דורך פאַרשאָטנטע ווענט.

און פון אַלטן געוויין
דורך בערג און ים,
מיט ווילדקייט פון וואָלף,
מילדקייט פון לאַם, —

וואַקסן־אוים אָרעמס —
ווי וואָרצלען פאַרדרייט,
מיט פינגער, ווי שטעכיקע
דערנער פאַרזייט.

און פון דרום ביז צפון,
פון ראַנד צו ראַנד, —
פלאַמט דאָס געוויין
אין פלאַקער־בראַנד.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

אויף פּלאַסאַ אַלמאַגראָ

אויף דער שפּעט־האַרבסטיקער,
קויטיקער פּלאַסאַ אַלמאַגראָ
וואַלגערט זיך אַ צעבראָכענע לבנה
אויף שערבלעך.
דורכן טרוקענעם לײַב פון טויטעביימער
ווייטיקט אַ דינער יאָמער, ווי אַ תּפילה.
אַ מענטש פיבערט.
אַ מענטש קאָרטשעט זיך,
ווי אַן אויפגעגראָבענער וואָרעם.
פון זײַנע גלידער שרײַט די טיפעניש:

— איך לעב, צעטרעט מיך נישט!

אויף יעדן פאַרשאָטנטן גאַסנראָג —
די נאַכט ברעכט־אויס לעצטע שטיקלעך תּענוג
פון זנות און ווײַן.
פון אַ דערבײַיִק־פאַרקאָפּטשעטן באַר
קרעכצט אַרויס אַ פידל פון אַ בלינדן.
אין פידל־זיפץ צאַפּלט די תּפילה
פונעם פיבערנדיקן מענטש
אויף די קאַלטע לבנה־שערבלעך:

— איך לעב, צעטרעט מיך נישט!

פון די קאָרדילערן־בערג
לויפט אַראָפּ אַ וואַנזיניק־צעשויבערטער ווינט.
ער ברעכט די טריבע ווענט און דעכער,
צעוויגט די צעשפּאָלטענע אָרעמס פון צווײַגן,
וואָס צעהוידען זיך
און שרײַען־אויף ווי טרוקענע ביינער.
דורכן בײַנערדיקן צווײַגן־שאָרך
יאָגט דאָס געיאָמער פונעם מענטש,
וואָס כאָרכלט אין לעצטן וויי:

— איך לעב, צעטרעט מיך נישט!

די נאַכט כראָפּעט שיכור קעגן שוואַרצן הימל.
די נאַכט וועט דאָ אויסגיין
בײַם ערשטן אויסגעשטעפּטן פּעדעמל ליכט.
זי זעט נישט דעם מענטש —
דעם אויפגעגראָבענעם וואָרעם,
וואָס קאָרטשעט זיך
מיט אויסגעדאָרשטע אויגן צו זון
און זײַן גסיסה־לײַב כאָרכלט פון דער טיפעניש:

— איך לעב, צעטרעט מיך נישט!

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

לבנה־באַלאַדע

אויפֿן זוים
פֿון סאַנטיאַגער לבנה־נאַכט
וואַלגערט זיך
אַן אָנפּיסיקער בעטלער און טראַכט

פֿון זײַן היים בײַם ים,
הינטער די אַנדן־בערג,
ווו ס׳האָט זיך אַגומלט
געטרייסלט די ערד,

און זײַן שטעטל טשיזשאַן —
פֿון עק ביז עק,
האָט זיך מיט
אַ הויפֿן אַדאָבע צוגעדעקט;

און אונטער זײַן הײַזקע —
חרוב און וויסט,
האָט ער אויף אייביק
באַגראָבן זײַנע יונגע פֿיס.

אויפֿן ראַנד פֿון דער נאַכט —
אויפֿן בערגל מיסט
טראַכט ער: די לבנה
האָט אויך נישט קיין פֿיס

און דאָך — ווי זי שפּאַנט,
ווי זי לאָזט נישט אויס
אַ טיר און אַ טויער,
אַ שוועל און אַ הויז,

ווי זי שיפּט זיך
פֿון טאַבערנעס אַרויס, אַרײַן
און קריגט אַ טשאַוטשאַ,
קריגט אַ גלאָז ווײַן, —

טראַכט דער בעטלער
און קען נישט פאַרשטיין,
ווי קען די לבנה
אָן פּיס זיך באַגיין? —

און ער שעפּטשעט שטיל
צו אַ נאָענטן בוים,
וואָס וויגט זיך פאַרכישופט
אין לבנהקן טרוים:

„ווען דו וואָלסט מיר האָבן
צו באָרגן צוויי פּיס,
כ׳זאָל מיך קענען אַ הייב-טון
פונעם בערגל מיסט, —

וואָלט איך אויך געקריגן
אַ שלוק און אַ ביס
און ווי אַ צולאָג נאָך
אַ מטבע געווים — — —"

און ער זעט: די לבנה
שאַרט זיך ווידער אַרײַן
אין אַ טונקעלער טאַבערנע
און בעט אַ גלאָז ווײַן,

— און אַ ניקל בליצט-אויף
אַ בליץ און אַ קלונג,
אַז מיט ביטערניש אַזש
באַדעקט זיך זײַן צונג.

צאַפּלט דער בעטלער
און קען אַליין נישט פאַרשטיין,
ווי אַזוי די לבנה
קאָן אָן פּיס זיך באַגיין.

און ער שטעלט דאָן צוויי
ליכטיקע טרערן אָן
אויף באַליוואַרם אויגן:
„אַ, גוטער סימאָן,

באַרג מיר דײַנע פּיס,
נו, אויף אַ רגע בלויז,
וועל איך גיך אַ לויף־טון
פֿון הויז צו הויז

און וואָס כ׳וועל קריגן —
סײַ דאָ און סײַ דאָרט,
באַקומסטו אַ העלפֿט,
כ׳גיב דיר מײַן וואָרט!״

נאָר באָליוואַר שווײַגט.
און ס׳שווײַגט זײַן שווערד,
וואָס לויפֿט איבערן
געשטרעקטן קאָפּ פֿון זײַן פֿערד.

ליגט ווײַטער דער בעטלער —
פֿאַרלאָשן און וויסט,
פּונקט ווי אַ שקראַב —
אויפֿן בערגל מיסט

און ער צאַפּלט באַטריבט,
צעשוויגן, פֿאַרטראַכט
אויפֿן זוים
פֿון סאַנטיאַגער לבנה־נאַכט.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

באַלאַדע פון באָהעם און שענקמיידל

פֿאַר איציק מאַנגער

אַז דער באָהעם קומט אין שענק אַרײַן
און הייסט זיך דערלאַנגען אַ פלעשל ווײַן,
מוז עס נישט דעמאָלט יום-טוב זײַן,
ווען דער באָהעם קוט אין שענק אַרײַן.

ער רופט דאָס מיידל צו מיט אַ ווונק
און זאָגט איר: טאָכטער, כ׳שטאַרב אַ טרונק!
כ׳בין טאַקע חרוב, מסוכן קראַנק,
נאָר דו, שוועסטערל, אַ פלעשל דערלאַנג!

און אַז דאָס פלעשל קומט, טוט ער אַ זופּ
און באַלד דערנאָך אַ כליאָפּ, אַ כליופּ
פון דער גאַנצער פלאַשקע מיט רויטן ווײַן
אין זײַן טרוקן-דאָרשטיקן האַלדז אַרײַן.

און ווען ער האָט שוין ווי עדגאַר פּאָ
געלאָזט דערטרינקען אויפן סאַמע דנאָ
פון דער ליידיקער פלאַש, אָנעם ווײַן,
זײַן חלום און באַנג, טרויער און פּײַן, —

זאָגט ער דאַן צום שענקמיידל אַזוי:
הימלען זענען בלוי, אויגן זענען בלוי,
נאָר דײַנע — אין אַ נאָווינע גאָר —
זענען פּונקט אַזוי שוואַרץ ווי דײַנע האָר.

און האָסטו, טעכטערל, שוואַרצע האָר,
איז האָב זיי דיר ביז הונדערט יאָר, —
נאָר ווערליק דײַנע שוואַרצע קאַרשן צוויי
פלאַקערן גרויסע שריפות אין זיי.

און ווערליק די בריסטלעך — טויבן צוויי,
הער איך פון זייערע ניפלען אַ געשריי, —
איז וואָס זשע וואַרטסטו, מיידל קרוין,
זאָג מיר, האָסטו ווי עמעצן שוין? —

און דאָס מיידל מיט אירע שוואַרצע האָר,
מיט די קאַרשן־אויגן — טיף און קלאָר,
מיט די בריסטלעך אירע — טויבן אַ פּאָר,
וואָס זענען בײַם באַהעם קיין נאָווינע גאָר, —

שטייט אָנגעבויגן הינטערן לאַנגן טיש
און שווײַגט אַזוי ווי דער טויטער פיש,
וואָס הענגט אָנגעמאָלן דאָ אויפן וואַנט
פון עפּעס אַ מאָלער פון איר לאַנד.

נאָר די טויבן־פּאָר אין וואַרעמער נעסט,
וואָס שרעקן זיך פאַר באַזויפענע געסט, —
וואָרקען אַרוים בתּולהדיק־פאַרשעמט
פון הינטערן מיידלס ראָזעווע העמד.

זיי צאַפּלען שטיל און וואָרקען אַזוי:
„הימלען זענען בלוי, אויגן זענען בלוי,
נאָר דעם מיידלס פון שענק זענען שוואַרץ,
ווי דער טריבער וואָלקן אויף איר האַרץ.

איר האַרץ האָט לאַנג געבענקט, געוואַרט,
ביז עמעץ איז געקומען און אָפּגענאַרט
מיט רויטן ווײַן און מיט אייגלעך שלוי
פון אָנהייב נאַכט ביזן מאָרגנגרוי".

דרימלט באַהעם מיט דער פלאַש אויפן טיש.
דאָס מיידל שווײַגט, ווי דער טויטער פיש
און וועלקט אין שענק ווי אַ יונגע רויז.
נאָר די באַלאַדע לאָזט זיך דאָ אויס.

ווינייאַ דעל מאַר, טשילע, 1944

מאַטראָזן-באַלאַדע

פֿאַר חיים־לייב פֿוקס

אין אָרעמס פֿון מאַטראָז,
אויף זײַן אַלטן שויס —
אַ מיידל מיט בריסטלעך,
ווי עפּעלעך גרויס.

אַ גלאָז ווײַן אין דער האַנט
און אַ פּאַפּיראָס,
זי טרינקט און זי שמייכלט
צום צעקנייטשטן מאַטראָז,

וואָס רעוועט, הירזשעט אין
פֿאַרזויפֿענעם בראַנד,
שעלט דעם ים, די נאַכט
מיט דער וועלט בײַנאַנד.

טאַקע הײַנט פֿאַרטאָגלעך,
נאָך אין שטערנשײַן,
ער וועט זאָגן אַדיע
צום ביר און צום ווײַן.

אויף די הענט פֿון מאַטראָז,
זײַן שיכורן שויס —
דאָס מיידל פֿלאַפֿלט,
ווי פֿון פֿיבער ארויס.

זי גלעט אים דעם רויטן
דעם קאַרביקן קאַרק,
ער איר — אַ פֿאַרטוליע
און דריקט זי שטאַרק,

בײַסט זיך אין איר קינדיש
ווייך העלדזל אַרײַן
מיט צעקרישלטע ציין
פֿון רויך און פֿון ווײַן.

דער מאַטראָז זאָגט יאָ
און דאָס מיידל — ניין,

און לאָזן די גלעזלעך
נישט ליידיקע שטיין.

דאָס מיידל זאָגט ניין,
דער מאַטראָז זאָגט יאָ,
און אַ פלאַש נאָך אַ פלאַש
ווערט לער ביזן דנאָ.

ער שעלט ווידער דעם ים —
דער אַלטער מאַטראָז,
און ביידע ציִען רויך
פון איין פּאַפּיראָס.

די טאַבערנע דרימלט.
אויף יענער זײַט וואַנט
ראָלט ראַש דער פּאַציפיק
צום ברעג נאָך אַנאַנד.

ער כוואַליעט און פינעט,
ער יאָמערט און לאַכט — — — —
ער פאַרשלינגט, דער ים,
די שיכורע נאַכט.

„אָ, דער ים, דער ים...״
פּאָנפעט מיט דער נאָז
דער מאַטראָז, און זויפט גיך —
אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז.

ער ציט ס׳מיידל צו זײַן
באַהאָריקטער ברוסט
און מיט רויטן אָטעם
ער קושט זי און קושט.

ער בײַסט־אײַן איר גופל,
ווי אַ וואָלף די ציין:
„דעם ים, אָ, דעם ים,
ווי קענסטו פאַרשטיין?

נאָך אַ שעה און אַדיע!
איז קום, לאָמיר גיין — — —״

נאָר דאָס מיידל פּיבערט —
און דער פּיבער זאָגט ניין.

דאָס מיידל — אַ רויז — ערשט
פון גאָרטן אַרויס,
זי וויאַנעט, זי געלט
אויפן שיכורן שוים,

אין צעגליטע אָרעמס
פון מאַטראָז — אַ פלאַם,
וואָס פינעט ווי דרויסן
דער רוישיקער ים.

ער גראָבט זײַנע פינגער
אין העלדזל אַרײַן,
נאָר דאָס מיידל פּיבערט
און קאָרטשעט זיך אײַן.

דער מאַטראָז פון זײַן שוים
שאַרט־אָפּ ווי אַ לויז
דאָס צוועלפיאָריק קינד —
אַ פאַרוועלקטע רויז.

די טאַבערנע כראָפּעט.
דער ים נאָך אַנאַנד
שלאָגט האַסטיקער צום ברעג
אויף יענער זײַט וואַנט.

„אַ, דער ים, דער ים,
פאַרשאָלטענער ים — — —"
און מאַטראָז — אַ פוילער
בוימישער שטאַם,

וואַקלט טריב זיך אַרויס
אין דער נאַכט אַרײַן,
וואָס שרײַט אים נאָך אַדיע
צו ווײַב און צו ווײַן.

וואַלפּאַראַיסאָ, 1944

באַלאַדע פון די שטיינערנע טויבן

אויפן קאַרניז פון קאַטעדראַל,
העט אויבן,
דרימלען צוויי אַלטע
שטיינערנע טויבן.

דרימלען די טירן,
צעמענטענע שטיגן,
ווו צוויי עלנטע קינדער
באָרוועסע ליגן.

זיי האָבן אין וואָגל
אין האַרבסט־באַגינען,
אונטערן טריבן הימל
זייער רו דאָ געפונען.

אויפן קאַרניז פון קאַטעדראַל,
העט אויבן,
כאַפּן־אויף זיך פלוצעם
די שטיינערנע טויבן,

דערזעען די קינדער
אין טריבן באַגינען,
וואָס האָבן אויף שטיגן
זייער בעט געפונען.

רופט זיך אָן די ערשטע
אַזוי צו דער צווייטער:
„טויבטשי, קום, לאָמיר זיך
אַ מצווה פאַרגרייטן,

אַז מירטשעם איבער הונדערט
מיר זאָלןביידע
זיך טרעפן אין נחת —
אין ליכטיקן גן־עדן.

לאָמיר אַראָפּ צו די קינדער
אויף ערשטן שטיגל, —
זאָגט אַלץ די ערשטע
און עפנט די פליגל, —

און שפּינען דעם חלום
פון ברויט אויף טישן,
חלום פון שלאָף
אויף אַ ווייכן קישן".

געזאָגט און געטון. פונעם
קאַרניז, העט אויבן,
פּליִען אַרונטער
די צוויי אַלטע טויבן.

פלאַטערט די ערשטע
מיט צעלאָזטע פליגל,
פּונקט ווי אַ מאַמע
אַרום קינד אין וויגל;

די צווייטע — מיטן שנאָבל
די קינדער טאָרקעט
און פרומינקע, שטיל —
זי וואָרקעט, וואָרקעט:

„האַרבסט וועט אַוועק,
כ׳קאָן אײַך שווערן
בײַ מײַן גרויער זיקנה,
בײַ זון און שטערן, —

וועט איר נישט וואָגלען
אויף טרעפּ, מיסטן
און עסן ברויט —
וויפל ס׳האַרץ וועט גליסטן — — — —"

נאָר ווי ס׳פּרעפּלען אַזוי
פרומינקע טויבן,
האָט אַ באַרוועסער ווינט
זיך אויפגעהויבן

פון אונטער אַ פּאַלמעבוים
אין פּאַרק דערלעבן
און קינדער פון שלאָף
אַזאַ רים געגעבן,

אַז ס'זענען אין פּחד
די צוויי אַלטע טויבן
אַרויף צוריק
אויפֿן קאַרניז, העט אויבן

און זייער חלום, נעבעך,
איז געבליבן ליגן
וויסט, צעטראָטן
אויף טריבע שטיגן.

די באָרוועסע קינדער
אין הונגער, וואָגל
האָט דער ווינט אין זייַנע
פֿאָלעס פֿאַרטראָגן

איבער הוילעביימער,
קעפּ פֿון טויבן,
וואָס דרימלען ווייַטער
אויפֿן קאַרניז, העט אויבן.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

וואַגאַבונדן

כ'האָב זיי ליב, די אָפּגעריסענע פאַרדמיונטע שלעפּערס,
די צעכראַסטעטע קויטיקע ברידער מײַנע,
מיט אייביקן שלאָף אויף די גראָבע ברעמען,
וואָס האָבן נישט קיין טיש און קיין בעט
און קיין פרײַנד און קיין ווײַב האָבן זיי נישט
די דאָזיקע צעשוויגענע ברידער מײַנע,
וואָס האָבן צו מאָל בלויז אַ הונט —
אַזאַ מאָדנעם קודלאַטן הונט, מיט בלוט-פאַרלאָפענע אויגן,
וואָס שלעפּט זיך נאָך זיין אָרעמען באַלעבאָס
און היט אים זײַן הויז,
וואָס ער האָט נישט
און דאַנקט אים פאַרן ברויט —
וואָס ער גיט אים נישט.

כ'האָב זיי ליב די נאַכט-וואַגאַבונדן,
וואָס ציִען זיך אוים אין די טיף-בלאָע נעכט,
ווי שטיקער צעקראַכענע וואָלקנס —
אין זייערע טראַנטעס, אין זייער אַנגסט און פּײַן.
זיי שפּילן זיך ווי קינדער מיט די שטערן,
וואָס גרינען איבער זייערע צעפּאַטלטע קעפּ
און האָבן רחמנות אויף די גראָזן,
וואָס שטאַרבן אוים פון דאָרשט
און אויף די ביימלעך, וואָס וואָרצלען אין איינזאַמקייט,
ווײַל זיי קענען נישט די וועלט
און וועלקן פאַר פרי פון בענקשאַפט צום וואַנדער.

כ'האָב זיי ליב, די דאָזיקע אמתע ברידער מײַנע,
אין טריב-צעפלייצטע רעגנטעג, אין צעשטורעמטע,
ווען זיי וויגן זיך הינטער די ביימער, ווי געקרייציקטע געטער,
און אין זייער צעשטראַלטן אומעט
זענען זיי שענער פון זיי.
די ביימער טוליען זיך צו זיי, ווי ברידער,
און זיי — צו די ביימער — אויך אַזוי.
זיי ווערן בוים און שטאַם,
קרוין און וואָרצל —
זיי ווערן שטילע גרינע אייביקייט.
זייערע גופים — ווי די ביימער — טשוכען זיך פון נעץ

און די צווײַגן — ווי הענט — נעמען זיי אַרום
מיט דער אומגעהײַער-פֿאַרצאַפּלטער ליבשאַפֿט פֿון אַלטע מאַמעס
און זיי ווערן הוילע ליבשאַפֿט,
הוילע שײנקייט,
הוילע אײביקייט.

כ׳האָב זיי ליב די צעשויבערטע וואָגלערס,
מיט די נישט-צעקעמטע פֿאַרוואָקסענע וואָלט וויטמאַנישע בערד,
ווען זיי דערבליקן אין בראַנדיקן זונשפּיגל
פֿון רויט-גליִיקן דעמער
דאָס מאָדנע פּנים זייערס —
ווי דאָס געשטאַלט פֿון אַ הייליקן.
שמייכלען זיי אויף, שעמען זיך,
און זייער געמיט ווערט אַלץ דורכזיכטיקער,
ווי די קינדהייט פֿון אַ טײַך.

זיי דערהערן אין זייער בלוט די שטויביקע רעדער
פֿון זומערדיקע פֿאַרחלשטע שליאַכן,
ווי זיי האָבן דערוואָרגן און באַגראָבן
דעם געצונדענעם דאָרשט פֿון לעבן,
נאָר זייער האַרץ, ווי דאָס האַרץ פֿון דער וועלט,
זייער האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט,
ווי דאָס שטאַרקע האַרץ פֿונעם שטורעמווינט —
איז איצט שוין שטיל ווי אַ מצבֿה,
ווי אַן אַלטע פֿאַרזונקענע שיף.

און אַז זיי קנוילן זיך אין די פֿאַרשאָטנטע
קילע פֿאָלעס פֿון דער נאַכט,
ווען די לבֿנה — די אַלטע גערטנערן פֿון יונגע חלומות,
שערוועט זיך אַרויף אויפֿן ברייט-בלאָען הימלפֿעלד
און זי פֿאַרזייט אויף זייערע צעקנייטשטע שטערנס
די נישט-דערבליטע טרוימען פֿון יאָרן —
שטיקלעך צעריסענער שלאָף
און פֿון פּענעצלעך פֿרייד —
אויפֿגעקליבענע אויף פֿרעמדע זאַטע קופּעס מיסט, —
שמייכלען זיי ביטער ווי קינדער,
וואָס האָבן קיין טאַטע-מאַמע נישט דערקענט
און שפּילן זיך אַלץ מיט די שטערן,
וואָס באַהאַלטן זיך און בליִען-אויף צווישן זייערע פֿינגער.

כ׳האָב זיי ליב, די דאָזיקע ערלעכע ברידער מײַנע,
ווײַל זיי בייגן נישט זייערע קני פֿאַר קיינעם
און האָבן נישט מורא פֿאַרן געוויין פֿון די ווינטן.
זייערע דלאָניעס זענען שוואַרץ,
ווי האַרטע הרודעס ערד,
אָבער קיין דערנער וואַקסן נישט אויף זיי.
זייערע פֿינגער זענען קורץ און צעריסן, ווי אַלטע מזוזות
און אונטער זייערע נעגל שטעקט נישט
דאָס פֿאַרבאָרגענע מעסער פֿון קנאה און רציחה.
זיי טראָגן זייער ליכטיק גורל ווי אַ כתר
און ער איז פּשוט, ווי זייער באָרוועסע וואָך.
און ווען דער ווײַן פּלאַפּלט אין זיי האַלב־פֿאַרנעפּלטע רייד,
זינגט־אויף אין זיי אַזאַ גיריק־זשעדנע פֿרייד —
ענלעך צו גליק,
אַ גליק — מיט מיליאָנען נישט צו קויפֿן.

כ׳האָב זיי ליב, די דאָזיקע אָפּגעריסענע ברידער מײַנע,
ווען זיי הערן זיך אײַן צו די בײַנאַכטיקע
ווײַט־ווײנענדיקע באַנען,
וואָס דראַפּען זיך אויף פֿעלדזיקע רוקנס,
איבער די הויכע שפּיציקע פּלייצעס פֿון די אַנדן
און מיט זייער יאָמער צעלעכערן זיי דעם פֿינצטערן מהלך
פֿון נאַכט,
פֿון שלאָף,
פֿון רו.
אָדער זיי זענען מקנא דעם פֿויגל אין רוימלאָזן פֿלי,
וואָס פֿאַרמעסט זיך אָפּט מיט זייערע געצונדענע געדאַנקען.
זיי הייבן זיך אויף און טראָגן הויך און הייליק
דעם טיף־צעקאַרבטן שטערן
און די צעפּלאַמטע נעז פֿון ווײַן,
נאָר זייערע אויגן — מילדער פֿון אַ לאַם
און די בליקן, ווי מחשבות — אָפּגרונטיקע ווי ים.

זיי וואַקלען זיך איבער די קאַלטע שטיינער פֿונעם קאַיאַר,
פֿאַרקלאַמערטע אין די אָרעמס פֿון אַ פֿרוי —
אַ שוועסטער אין פּײַן און ווײַן;
און אויף די כריפּנע הייזעריקע העלדזער,
ווי אויף נאָכגעלאָזטע פֿידל־סטרונעס —
צעוויגן זיי די היימישע פּאַרטאַגיקע לײדיקייט

מיט פערזן פון רעמבאָ,
פאָ, ווערלען.

שפּעטער כראָפּען זיי — אַרומגענומען און פּאַרטוליעט,
הינטער די שטייניקע דענקמעלער
פון באָליוואַר און אָ׳היגינס.
און אַז אין העל־אויסגעבראָכענעם טאָג אַרײַן
צעוועקט זיי דער היים־גילדענער אָרעם פון דער זון, —
פאַרשעמען זיי זיך ווי קינדער,
וואָס האָבן קיין מאָל קיין היים נישט געהאַט.

איי, ווי כ׳האָב זיי ליב, די דאָזיקע צעשויבערטע וואַגאַבונדן,
די אָפּגעריסענע פּאַרדמיונטע ברידער מײַנע.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

רו אין ווײַסן שטיין

כ׳בין דאָ אין דער סאַנטיאַגער נאַכט
עלנטער פון דיר,
דו, שלאַנקע פרוי,
אָנגעטון אין רו פון ווײַסן שטיין;
אויף דיר קוקט כאָטש עמעץ
מיט פאַרסלינעטן גיר,
עמעץ באַוווּנדערט דיך —
ווי יונג דו ביסט, ווי שיין.

אין צווײַגן־געפלעכט
איבער דײַן נאַקעטקייט גייט אַ שפּיל
פון שטערן אין באַהעלטעניש —
נאַכטיק, שטילערהייט;
און פון דעם לבנה־ליכט
איז דיר אַוודאי העל און קיל,
הימלעכער געווים,
ווי מיר אין פרעמדער איינזאַמקייט.

כ׳בין דאָ אין די פּאַציפיק־נעכט
אומעטיקער פון דיר,
דו, פאַרלבנהטער פרויען־גוף —
מאַסיוו און פעסט.
הינטער דיר פאַרוויג איך דאָ
מײַן בענקשאַפט צו אַ טיר,
צו אַ פענצטער,
צו אַ קישן אין אַ שטילער נעסט.

אין דײַן שאָטן שטיי איך
און כ׳שרײַ אַרויף צו דיר:
— שענק מיר דײַן רו,
דײַן אייביק־אויפגעהעלטע רו;
שענק מיר דײַן צעשוויגנקייט
איצט אין מײַן דעליר
אין לונאַטישן —
ווען אַלע הײַזער זענען צו.

כ׳בין דאָ אין דער סאַנטיאַגער נאַכט
עלנטער פון דיר,
דו, פרויען־סטאַטוע
אין בלאָ־לבנהקן בלענד.
אין דײַן שטייניק ליכט,
וואָס פאַלט איצט בונט אויף מיר —
פאַרוויג איך מײַן חלום
אויף מײַנע מידע הענט.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

באַלאַדע פון פּאַלמירעס אומעט

זינגט פּאַלמירע פון איקיקע
מיט באַטריבטע אויגן
צום אָזיער „אַלע הייליקע" —
סומנע אָנגעבויגן:

„הינטער מיר דער קאַלבוקאַ
מיט שנייִקע בורשטינען,
אַרום — די פּאַלמעביימער —
וויגן זיך און גרינען.

שלאַנקע שטאַמען האָבן זיי
און זון־באַגילדטע קרוינען,
נאָר מײַן דיוקאַ איז צו זיי
נישט געקומען ווױנען.

מײַן פויגל וואָגלט איבער בערג,
איבער ווילדע ימען;
קיינער ווייסט נישט וויפל צײַט
ער וועט זיך פאַרזאַמען".

די פּאַלמעביימער וויגן זיך,
די פלאַמינגעס שטילן,
פליוסקען זיך בײַם אָזיער־ברעג —
שליימיקן און קילן.

און דער הימל בלאָט אַרײַן
זײַן אויג אין קילן אָזיער;
און עס שורשען טיף פאַרסודעט
הויכע אַלגאַ־גראָזן.

פרעגט פּאַלמירע די פלאַמינגעס,
פרעגט זי זיי מיט אומעט:
„זאָגט מיר וען, פון וואַנען
וועט מײַן פויגל קומען?

פון טשילאָע, אַטאַקאַמאַ,
פון צפון צי פון דרום,
אונטער הימלען זוניקע,
צי אין בליץ פון שטורעם?

וועט זײַן שנאָבל ברענגען גליק,
ברכה — זײַנע פליגל?
און גאַליעטן וועט מען גרייטן,
טשיטשאַ פולן קריגל?

און צי אין אַ קועקאַ וועט
מײַן מיידל־לײַב אין גאַנצן
מיט באַשערטן אויפן פליין —
פריידיק זיך צעטאַנצן?

צי וועלן טשינאַס ברענגען
פרישע וואַלד־קינטראַלן
און אויף מײַן שיינער באַטאַ
געדיכט זיי וועלן פאַלן?

און פלעכטן וועלן זיי אַ קראַנץ
פון קאָפּיהוע־בלומען, —
זאָגט, פלאַמינגעס, ווען וועט מײַן דיוקאַ,
מײַן באַשערטער קומען? — — —"

נאָר פלאַמינגעס דרימלען שוין
בײַם ברעג אין אַלגאַ־גראָזן.
און דער הימל לעשט אוים זײַן אויג
אויפן טונקלען אָזיער.

פון פאַרשנייטן באַרג קאַלבוקאָ
גליטשן זיך און רינען
טיף אַראָפּ אין פינצטער אָפּגרונט
פורפּלנע בורשטינען.

אויפן קילן אָזיער טריפן
פּאַלמירעס שטילע טרערן — — —
אויפן פּנים פונעם אָזיער
שווימען גרינע שטערן.

דער קאַלבוקאָ גלימערט קיל
מיט שנייִיקע בורשטינען.
די הויכע שלאַנקע פּאַלמעביימער
וויגן זיך און גרינען.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

נאַכט-באַלאַדע פון ווײַן און וואַנזין

דער האָטעל-לאַמטערן —
אַהער, אַהין —
הוידעט זיך פרעך,
ווי אַ רויטע שפּין.

אַרויף און אַראָפּ —
מטורפדיק-גיך,
וויגט זיך באָרוועס
אַ שאָטן אָן שיך.

איין פלאַש אין גראָז,
איין פלאַש אין האַנט,
קלאַפּט דער שאָטן
אין טיר נאָך אַנאַנד.

די פענצטער פינצטערן.
טירן — פאַרמאַכט.
וואָס וויל ער, דער שאָטן,
דרײַ בײַ נאַכט?

איין פלאַש אין האַנט,
איין פלאַש אין גראָז;
שיכור די צונג
און שיכור די נאָז.

צוויי פלעשער אין גראָז,
אַ דריטע בײַם מויל.
זײַן קול — פאַרברענט,
זײַן געשריי איז הויל.

וואָס וויל ער, דער שיכור,
שפּעט בײַ נאַכט? —
ער קלאַפּט אין טיר
און זי איז פאַרמאַכט.

אַ פּאָעט — פאַרטראָגן
און פאַרטראַכט,
שלײַכט זיך פאַרבײַ
זייגער דרײַ בײַ נאַכט.

ער פֿאַרנעמט ס׳געוויין,
דעם ווייַן פֿון פּייַן
פֿון שאָטן, וואָס קלאָגט
אין דער טיר אַרייַן:

„גוטע זשאַנעט,
נו, קום שוין אַרויס,
דאָרט אויבן
פֿאַרשאַנדיק נישט דייַן שוים.

כ׳וויל נישט זאָלסט שטאַרבן,
ליבסטע זשאַנעט,
אויף קאָוואַדאָנגאַס
זינדיקן בעט — — — ״

„ניין, נישט ווייַן אַליין.
ס׳איז פּייַן פֿון ווײ, —
טראַכט דער פּאָעט —
איז שאָטנס געשריי.

ליבשאַפֿט ביז וואַנזין
דורך ווייַן און פּייַן — — — ״
און דאָס קרומע געסל
שלינגט אים אייַן.

„טייַערע זשאַנעט,
אָ, ליבסטע זשאַנעט, —
פֿיבערט אָן כוחות
דער שאָטן און בעט:

ענטפֿער, ווי קענסטו
אָן מיר דאָרט זייַן?
קום אַראָפּ, טרינק
דעם ווייַן פֿון מייַן פּייַן — — —״

דרייַ פֿלעשער אין גראָז,
מיט פֿערטער אין באַר
וועט הייַנט פֿאַרזויפֿן
דעם לעצטן צער

אפשר דאָס גאַסנמיידל
זשאַנעט
און אפשר ער אַליין —
דער פּאָעט,

נאָר נישט דער שאָטן
ביַים טיר פֿאַרמאַכט,
וואָס גייט דאָ אוים
אַזוי ווי די נאַכט.

דער לאַמטערן וויגט זיך
שטיל אין באַגין
און גלאָצט פֿאַרלאָשן —
אַ שוואַרצע שפּין —

אויפֿן שיכור —
אַ וואָלקנדל אַש,
הינטער דער דריטער
ליידיקער פֿלאַש.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1951

באַלאַדע פֿון דער פּלייט

דער פֿאָטער איז אַלט,
נאָר זײַן טרויער איז יונג,
פֿאַרזעצט ער אין שענק
זײַן פּלייט פֿאַר אַ טרונק.

נאַרישער פֿאָטער,
דו אָן אַ פּלייט?
אויף וואָס וועסטו שפּילן
דײַן פֿאָטער־פֿרייד?

מיט וואָס וועסטו רופֿן,
דו, שיכור, אַצינד
פֿון דעמער־פֿעלד —
דײַן שאָף און דײַן רינד? —

— „כ׳האָב נישט קיין שאָף,
כ׳האָב נישט קיין רינד.
— מען האָט זיי פֿאַרצוקט —
ווי מיר און ווינד.

מײַן פֿרייד האָט פֿאַרלאָשן
דער בייזער ווינט;
פֿאַרטרינק איך אין שענק
מײַן טרויער אַצינד״.

דער פֿאָטער איז אַלט,
נאָר זײַן טרויער איז יונג, —
יאָמערט דער ווײַן
פֿון זײַן שיכורער צונג:

— „זע, אויף דעמער־שויבן
קומען צו גיין
שאָטנס — ווי וועלף —
מיט בליציקע ציין;

גיב אָפּ מיר די פּלייט,
וועסטו זען, אַז באַלד
די שרעקלעכע וועלף
פֿאַרטרײַב איך אין וואַלד״.

און שאָטנס — ווי וועלף —
צעצינדן די שויב
מיט אויגן — ווי פונקען —
אויף בלוט און רויב.

דער טרויער איז יונג
און אַלט איז דער ווײַן,
ליגט שוין דער פאָסטעך
אונטערן לבנה־שײַן

אויף יענער זײַט שענק,
מיט אָונטס פאַרקליידט
און יאָמערט, קלאָגט
אויף זײַן איינציקער פלייט:

— „דער טרויער פרעסט —
ווי וואָלף — מײַן געביין
און ס׳צאַפּלט מײַן לײַב
מיט שרעק און געוויין.

דער הימל — דאָס פעלד
איז בלוי באַגראָזט, —
ווײַ דעם פאַסטעך,
וואָס האָט עס פאַרלאָזט.

אויבן, דאָרט אויבן
איז די לבנה מײַן פלייט,
די כמאַרעלעך וואָל —
מײַן סטאַדע וואָס גייט

צו די ווילדע וועלף —
געטריבן פון ווינט,
אַז ווײַ דעם פאַסטעך —
אָן זײַן פלייט אַצינד״.

דער פאַסטעך איז אַלט,
זײַן טרויער איז אַלט.
די נאַכט גייט אַרויס
מיט וועלף פונעם וואַלד,

וואָס צעביַיסן, צערײַסן
מיט בליציקע ציין
די אָרעמע שאָף —
וואָס בלאָנקען אַליין — — — —.

ביַי דער אַלטער סטאָיקע,
אין שטערנשיַין,
כראָפּעט דער שענקער —
טאַקע גאָר נישט פֿיַין,

און יאָמערלעך וויינט
די פּליוט אין דער האַנט
פֿונעם שענקערס שאָטן —
וואָס שלאָפֿט אויף דער וואַנט.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1956

באַלאַדע פון לוסמירא אויף טאַראַפּאַקאַ

— אויפן ראַג טאַראַפּאַקאַ
צעשאָטן און קרום,
די נאַכט פון סאַנטיאַגאָ
וואַלגערט זיך אַרום.

זי וואַלגערט זיך שיכור,
מיט אָפּגעדעקטע קני
ביז ס'ראָזט אויף קאָרדילערן
אַ שפּראָץ אין דער פרי.

זי וואַלגערט זיך און שעלט,
ליבט מיט פּרעכע רייד.
זי וויינט און ברעכט־אויס
איר מיזערנע פרייד.

— זאָג מיר, שיין טעכטערל,
וואָס וויינסטו אין דער נאַכט,
ווער האָט ס'יונגע האַרץ
דיינס טרויעריק געמאַכט?

דיינע אויגן, אַראוקאַנערן,
זאָג מיר, ווער האָט איצט, ווער,
באַטרונקען מיט אַזוי פיל
קלאָגעדיקער טרער? —

און לוסמירא, ס'פּופּצניאַריק
טשילענער קינד,
וויינט אין ראַג־געשטאַנק
פון קעץ און פון הינט.

— ס'קלאָגט אויך איר גופל
שמאָל און איינגעדאַרט:
„ער האָט געזאָגט: כ'האָב דיך ליב
און מיך אָפּגענאַרט.

פון אַלע קאַבראַס האָב איך
אויסגעקליבן — דיך,
וועסט האָבן אַ טשאַמבאַ,
זאָקן און שיך.

ער האָט געקושט מײַנע אויגן,
געקושט מײַן לײַב,
נאָר אַן אַנדערע וועט זײַן
זײַן כלה, זײַן ווײַב.

כ׳האָב געלאָזט מיך נאַרן
מיט זײַנע פאַלשע רייד,
האָב איך נישט קיין טשאַמבאַ,
קיין שיך, קיין קלייד — — —״

די פאַרטוליעטע שאַטנס
שאָטענען פאָרלדיק פאַרבײַ.
קאַלט שווײַגט אַראָפּ דער הימל
שנייִיק, שווער ווי בלײַ.

נאָר ווינט אין אירע האָר
טאַנצט, הערט נישט אויף
צו צערטלען אירע פיסלעך —
נאַקעט ביז אַרויף.

ער גלעט אירע הענטלעך,
איר גופל — דאַר און קוואַר:
„קום טרינקען טשיטשאַ
אין שכנותדיקן באַר״.

ער כאַפּט אין זײַנע אָרעמס
אין גאַנצן זי אַרײַן:
„מיידל, איך האָב דיך ליב,
מײַנע וועסטו זײַן.

דײַן פּנימל איז שיין פּונקט
ווי אַ קאַפּיהוע-בלום,
קלאַמער דיך אין מײַנע אָרעמס,
מיידל, פּעסט אַרום — — —״

און לוסמירא, ס׳פּופּצניאַריק
באַטריבט טשילענער קינד,
שוועבט שוין ווי אַ הארבסט־בלאַט
אין אָרעמס פונעם ווינט.

זי שוועבט אויף הפקר־שליאַך,
אין יונג־מיידלשן לייד, —
חלומט פון אַ טשאַמבאַ,
זאָקן און אַ קלייד — — — —

די שאָטנס שאָטענען ווײַטער
זיך פּאַרלדיק פאַרבײַ.
דער הימל שווײַגט אַראָפּ
שנייִיק, שווער ווי בלײַ.

אויפן ראָג טאַראַפּאַקאַ
צאַפּלט נאָך דעם מיידלס כליפּ:
„לוסמירא, פון אַלע קאַבראַס
דיך האָב איך ליב״.

אויפן ראָג טאַראַפּאַקאַ,
אין קויט פון קעץ און הינט, —
שטאַרבט דאָס טיף געוויין
פון יעדן טשילענער־קינד.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

באַלאַדע פון דער „טשאַטשאַ“

— געגעבן די „טשאַטשאַ“, — זאָגט כּואַן,
און ער שפּיליעט זיך אויף דעם גאַבאַן.

— האָסט נישט געגעבן, זאָג איך, ניין,
אַהער די „טשאַטשאַ“, אויב ווילסט נישט גיין!

— כ׳האָב געגעבן אַ „טשאַטשאַ“ — פונק ניַי,
און כּואַן זעצט זיך צו אין טראַמוויי.

— נישט געגעבן — אַ ליגן, דאָס גאַר!
ענטפערט צוריק אים דער קאָנדוקטאָר.

— יאָ געגעבן — ווי גאָט איז פאַראַן, —
זאָגט ווידער שטיל דאָס ייִנגל כּואַן.

הכלל, דער זאָגט יאָ און יענער — ניין,
דעם קאָנדוקטאָרס צורה ווערט ווי שטיין.

און אָט וואָס ביַי נאַכט, אַ זייגער צען,
אויף דער אַלאַמעדאַ איז געשען:

אַ שאָס און צוויי — — — און דאָס הייסע בליַי
לעכערט־דורך ס׳האַרץ כּואַנס אין טראַמוויַי.

איַי, ווער האָט עס געטון, — זאָגט — ווער, ווער? —
דער קאָנדוקטאָר באַהאַלט דעם רעוואָלווער.

כּואַן מיט זיַין גופל — קוואַר און שמאָל,
ליגט דערשאָסן אויפן ברודנעם פאָל.

און די יוני־נאַכט — צעשטערנט קיל,
שלייַכט זיך דורך אָ׳היגינס — בלאָ און שטיל.

די טאָפּאָל־ביימער און דער יאַסמין
וויגן זיך ווי נעכטן הער און הין.

דער קאָנדוקטאָר ציילט די „טשאַטשאָס“ אוים,
די „טשיטשאַ“ שטינקט אים פון מויל אַרוים.

ער גענעצט הויך, טוט אַ דרימל צו — — —
אָ, קאַראַבינער, ווּ ביסטו, ווּ?

די נאַכט זיך שטערנט און פינקלט בלאָ.
נאָר ס'ייִנגל כוואַן איז מער נישטאָ.

בײַם ריטשקע בלוט, וואָס וויל נישט פאַרגיין,
קלאָגט אַ שוועסטערלם ביטער געוויין.

קום גיכער, גיכער, קאַראַבינער,
ער איז נאָך וואַרעם, דער רעוואָלווער.

דער קאַראַבינער — נישטאָ, נישטאָ — — —
די סאַנטיאַגאָ-נאַכט זיך שטערנט בלאָ.

די בלוט-ריטשקע שרײַט: ווי גאָט פאַראַן —
האָסט געגעבן, יאָ, פאָברע כוואַן!

נאָר ביימער שורשען: נישט געהערט, נישט געזען,
ס'איז גאָרנישט געשען, גאָרנישט געשען — — —

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944

באַלאַדע פון מעוברתן גאַסנמיידל

— וויפל ביסטו אַלט? — זיבעצן יאָר, —
און דאָס מיידל גלעט זיך צו די האָר.

— וווּ וווינסטו? — איך וווין אין יעדן בעט, —
טוט זי ווידער די האָר זיך אַ גלעט.

— און דאָס בײַכל דײַנס, האַ? נישט קיין שטער? —
גאַפּיעט קרום לעפּישעוואַטע ער.

— נאָ סעניאָר, — ענטפערט זי, — נישט קיין שטער,
פאַרקערט: ערשט גראָד מיט מיר גייט מען מער.

אַ פאַרוואָלקנטע נאַכט. ערב חצות
האַרט בײַם קלויסטער סאַן כואַן דע דיאָס.

זי מיטן בײַכל, וואָס שטאַרצט זיך פרעך.
ער ווי אַ דראַנג, מיט אַ צורה — בלעך.

און דאָס מיידל רעדט צום נאַכטיקן מאַן:
— איך בין נישט פון הי, כ'בין פון טשיזשאַן.

נאָך פיר האָב איך אין ראַנטשעלע קליין,
קענסטו די נויט זיך מאָלן אַליין.

אַ יתומה, געוואָקסן אויפן מיסט — — —
נו, קום שוין, קום, אויב אַ מאַן דו ביסט.

דאָס בײַכל איז נישט קיין שטער, וועסט זען,
איך בעט נישט קיין סך, בלויז „טשאַוּטשאַס" צען.

אָבער ער קווענקלט זיך. זײַנע הענט
אין טאַש, שטייט און טראַכט. די קלויסטער-ווענט

שווײַגן שטויביק, גלויביק, שטום, מיט נאַכט.
אויפן קאַרניז וואָרקען טויבן אַכט.

— גייסט? נו, ריר דיך, איך צאָל פאַרן בעט,
מײַנע פיצלעך דאַרפן ברויט צו זעט.

נאָר ער, דער מאַנצביל, שטייט אַליין און טראַכט,
פאַרגלאָצט אַרויף צו די טויבן אַכט.

אָט־אָט אַ טרער פון די אויגן רינט.
איר שטאַרציק בײַכל דעקט־אָפּ דער ווינט.

— נו, אַדיע, — זאָגט ער, — פאַרגיב מיר, נו — — —
אַ פּעזע דעם מיידל וואַרפט ער צו.

אַז דאָס מיידל וואַרפט אים גלײַך צוריק
די פּעזע מיט שפּאָט און ווײ אין בליק:

— נפש לײַזיקער, הינטיש געביין,
נישט פאַר נדבות קום איך דאָ שטיין.

דו טומטום איינער, דעם קאַרק גיי ברעך, —
און טוט אַ שפּײַ אים אין צורה — בלעך.

פונקט ווי אַ שאָטן, מיט דריבנע שפּאַן,
רוקט זיך אַוועק דער נאַכטיקער מאַן.

— איך בעט נישט קיין נדבות, ניין, ניין! —
און ס׳מיידל פאַרגייט זיך אין געוויין.

עס שווײַגט דער קלויסטער. די טויבן אַכט.
עס שווײַגט די בלאָע סאַנטיאַגאָ־נאַכט.

סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 1944



בּראזיליעניש

...„די לבנה זינקט אין נעפּל. זי פֿאַרגייט.
דער באַנזייגער דולט כּסדר דין־דאָן.
דאָס לאַנד איז רײַך, נאָר קיין ברויט, קיין קלייד
האָט נישט זשאַקומאַ, דער פּעאָן".

בעטלערס אויף פּראַטעס

אויף פּראַטעס זיצן דרײַ בעטלערס —
צוויי נעגערס און אַ קינד,
באָרוועס — שמאַטעס אויף שמאַטעס —
און אַלע דרײַ זענען בלינד.

זעקס אויגן שטאַרן מיט ווייטיק
אין טראָפּיש־זוניקן בלענד.
אויף פּראַטעס גלאָצן דרײַ בעטלערס
מיט אויפגעפלאַטערטע הענט.

קיין פּאַלמע נישטאָ דאָ, אַ שאָטן,
אַ קיל ווינטעלע פּאַר זיי.
די חמימה פּלייצט מיט פּריסיק
אין האַלבן טאָג זייגער צוויי.

קלאָגט איינער: גאָט, אַ שלוק וואַסער,
אײַז — מײַן גומען ברענט!
און אַהינטער אים — ווי אויוונס
שרפֿען די בעטאָניקע ווענט.

אין פֿיבער מורמלט דער צווייטער
מיטן טרוקן־פּאַרפּריִעטן מויל:
רעגן, זאָל אַ כליאַפּ־טון רעגן,
איך גלי דאָ אויס ווי אַ קויל!

דאָס שאָפּענע קעפּל פּאַרבויגן —
דאָס פּאַרחלשטע פּונעם קינד,
חלומט אַ פּאַלמע — אַ שאָטן —
אַ פרישן יוליקן ווינט.

נאָר די טראָפּישע זון גיהנומט,
זי נאָדלט גלוטיק און בראָט — — —
אויף פּראַטעס ברענען דרײַ בעטלערס
אין קאָכיקן רויש פון שטאָט.

די שטאָט אויף שטאָלענע אַקסן
אין ראָד פון וואַנזין־גע‎יעג,
זעט נישט די בלינדע בעטלערס,
וואָס גייען אוים דאָ ביַים וועג.

אַז אָוונט — אַ טשערעפּאַכע,
קריכט־אַן פּרייכיק, מיד אַזוי, —
הענגען דריַי הענט, ווי גלאָוניעס
אין שווערן צעטריפטן בלוי.

דריַי בעטלערס כראָפּען אין שאָטן —
בלויז איין שאָטנדיקער קנויל,
וואָס שריַיט דורך נאַכטיקע גאַסן
מיט איין אויפגערים מויל.

סאַן פּאַולאָ, 1954

רואַ דאַ גראַסאַ

דאָ ווייסט נישט קיינער, אַז דער פרילינג איז געקומען.
שטויביק טשוכען זיך די פּאַלמען, די גראָזן וויאַנען,
בלויז טויבן האַלדזן זיך — פאַרליבט אַרומגענומען,
צוויי טויבן — ווער ווייסט זיי פון ווו און פון וואַנען.

ס׳ווילן אויף די מיסטן נישט אויפבליִען קיין בלומען.
אַ פויגל וואַגט נישט פאַרלירן דאָ אַ נאַטקע שירה, —
ניין, קיינער ווייסט נישט, אַז דער פרילינג איז געקומען
אויף רואַ דאַ גראַסאַ פון געגנט באָם רעטירע.

אין פאַרוועלקטן סקווערל אויף אַ באַנק — סאַמע שימל,
שנאָרכט אַ באָרוועסער, מיט אַ פּנים פון אַ טויטן.
אַ צווייטער שטרעקט די האַנט, העט אַזש ביז צום הימל
און איבער זיי גרויט דער פאַר נאַכט מיט וואָלקן-צויטן.

אַ טראַגעדיקע גאַסנמויד, מיט אויגן — נאָר צו שטעכן,
זי באָט זיך אָן צו יעדן שטיל, מ׳זאָל נישט הערן:
„כ׳האָב דריַי פרעסערלעך אין שטוב, נעם זשע און באַרעכן,
וואָס אַ מאַמע דאַרף עס אַלץ קינדער צו דערנערן — — —״

און יענער בייַם באַסיינדל, אָן פיס — אַ קאַליקע,
וואָס חלומט — פינגאַ זאָל באַנעצן אים דעם גומען;
און יענער, וואָס ציטערט אויפן גראָז פון „דאָס פאַליקע״ —
ניין, זיי ווייסן נישט, אַז דער פרילינג איז געקומען.

און דער בלינדער נעגער אין די אויסגעפליקטע הויזן,
וואָס וואַרט, עמעץ זאָל אים נעמען, ווו דערפירן, —
דער בלינדער וואַרט נישט אויף קיין פרילינג און קיין רויזן
אין זייַן אייביקער נאַכט פון געגנט באָם רעטירע.

און מעג שוין יאָ אַוווּ אַ גרעזל זיך צירן,
אַ טויב מיט אַ טויב זיך קושן און פאַרליבטע ברומען, —
אויף רואַ דאַ גראַסאַ פון געגנט באָם רעטירע
איז דער פרילינג נאָך פאַר קיינעם נישט געקומען.

סאַן פּאַולאָ, 1954

אויף פּאַוועלאַ

אויף פּאַוועלאַ שטאַרבט אַ פּאַלמע —
אַליין אויפֿן באַשטיבלטן באַרג.
זי פֿלאַקערט, נעבעך, אין שווינדזוכט,
ווי דאָס מיזערנע נעגערוואַרג.

זי בייגט זיך אַריבער די דעכלעך —
מצבֿות פֿון פֿאַרזשאַווערט בלעך.
זי פֿיבערט אַריבער די ביידלעך
פֿון נויט, שימל און מעך.

„נעם מיך!" — בעט זי דעם וואָלקן
און קושט דעם הייסן ווינט.
זי כליפּעט אין שוואַרצן יאָמער,
ווי אַ קראַנק נעגער־קינד.

נאָר קיינער הערט נישט איר יאָמער
אין פּאַוועלאַ — אַזוי פֿיל געוויין.
די פּאַלמע קוואַרט און צאַנקט דאָ,
פּונקט ווי דאָס נעגער־געביין.

פֿון אויבן פֿלאַמט דער הימל,
פֿון אונטן קילט דער ים — — — —
אויף פּאַוועלאַ שטאַרבט אַ פּאַלמע,
פּונקט ווי דער נעגער־שטאַם.

ריאָ דע זשאַניירא, 1954

זשאַקומאַ

בײַ נאַכט. אין מײַן פענצטער אויף רואַ מאַוּאַ
הענגט אַ לבנה, ווי אַ רויטער דישטאָן.
אַ טרויעריקע, ווי דער חלום פון זשאַקומאַ —
מײַן שכן, דער שוואַרצער פּעאָן.

די לבנה זינקט אין נעפּל. זי פאַרגייט.
דער באַנזייגער דולט כסדר דין־דאָן.
דאָס לאַנד איז רײַך, נאָר קיין ברויט, קיין קלייד
האָט נישט זשאַקומאַ דער פּעאָן.

צו מאָרגנס וועלן די קינדער בעטן ברויט
און וואַרטן אויפן לעפל פּיסנעם פּייזשאָן.
אײַ, ווי ביטער ער וועט ווײנען בײַם פּלויט —
זשאַקומאַ, דער שוואַרצער פּעאָן.

און ער אַליין — ער פּאַסט שוין עטלעכע טעג,
בעטלט ווי אַוועק אַ רעפּטעלע מאַמאָן.
דער הונגער שנײַדט אים פּונקט, ווי אַ זעג,
פּאַברע זשאַקומאַ, אָרעמער פּעאָן.

דאָס ווײַב איז אים קראַנק. געל און קוואַר
ליגט זי אין בעט — טרוקן, ווי אַ שפּאָן.
ער וועט שעלטן זײַן גאָט און זײַן האַר —
זשאַקומאַ, דער בידנער פּעאָן.

בײַ נאַכט. אין מײַן פענצטער אויף רואַ מאַוּאַ
צאַנקט די לבנה, ווי אַ רויטער דישטאָן.
זי שטאַרבט ווי דער חלום פון זשאַקומאַ —
מײַן שכן, דער שוואַרצער פּעאָן.

סאַן פּאַולאָ, 1954

פּאָן וועליאָ

פּאָן וועליאָ! — אַלטגעבאַקן ברויט,
בעט עמעץ אין דער טיר.
און אייגעלעך, ווי צוויי שטערנדלעך,
גליִען אַרויף צו מיר.

כ'דערזע אַ קעפּל — אַ קערנדל קאַווע
און ציינדעלעך, ווי רײַז.
שוואַרץ ווי די נאַכט זײַן פּנימל,
די טאָרבע בלויז איז ווײַס.

און פּיסעלעך צוויי, ווי פּלאַנצן,
אָט ברעכן זיי זיך אײַן — — —
פּאָן וועליאָ! — הער איך ווידער
אין שמייכלענדיקן פּײַן.

כ'גיב אַוועק דעם לעצטן פּענעץ,
די לעצטע קרישקע ברויט.
ער דאַנקט און ס'פּליט מיט אים אַוועק
זײַן ווײַסע טאָרבע ברויט.

כ'בלײַב אַליין אויפן שוועל פון נאַכט
אין טיפן ווײ פאַרקלעמט — — —
אָ, נעגערל, ווען דו זאָלסט וויסן,
ווי שטאַרק איך בין פאַרשעמט.

ריִאָ דע זשאַנייראָ, 1954

זילדאַ פֿון מאָקאַ

זילדאַ איז יונג נאָר אַלט איז איר טרויער,
שטייט זי אין מאָקאַ בײַ נאַכט אויפֿן טויער
און טראַכט פֿון איר קליידל — אַלט און צעריסן,
פֿון זשאָזען, וואָס וויל פֿון איר נישט וויסן.

זילדאַס נעכט, אירע מיידלשע טרוימען —
זענען שוואַרץ ווי מאָקאַ — קוימען אויף קוימען.
איר טאָג איז אַ וואָלקן־קנויל פֿון רויכן,
וואָס קרײַזלט אַוועק זיך אין נאַכטיקע הויכן.

זי האָט נישט גאָרנישט. זי האָט נישט קײנעם.
זילדאַ — אַ נאָמען בלויז האָט זי אַ שיינעם,
ערשט זי ווייסט נישט אַפֿילו נאָך וועמען
און אויך נישט, צי דאַרף זי דערפֿאַר זיך שעמען.

פֿון רויכיקן מאָקאַ, וואָס ברענט אירע אויגן,
זי וואָלט ווי אַ פֿויגל אַוועקגעפֿלויגן,
ווו אונטער אַ ריינעם הימל אַ בלויען
און דאָרטן — ווי ער — אַ נעסט זיך בויען.

זילדאַ איז יונג נאָר אַלט איז איר טרויער,
שטייט זי און זינגט אַזוי אויפֿן טויער:
„ווו איז מײַן מזל אין געצונדענעם שטערן,
מײַן גאָט זאָל מײַן עלנט זען און דערהערן?" —

זי קוקט זיך אײַן אין אייגענעם שאָטן,
וואָס איז אין איר אין גאַנצן געראָטן —
אַ גופֿל אַ קווארם, אָן אַ זאָטן ביסן
אויף באָרוועסע פֿיס און קליידל צעריסן.

מאָקאַ רוט שוין אין שווייסיקע גלידער
און כראָפּעט נאַכטיק טיפֿער און מידער.
אַ מאָגער ליכטל קעגן איבער אַ מויער —
שלעפֿט־אײַן זילדאַן אַליין אויפֿן טויער.

זי זעצט זיך אין חלום מיט ווײַסע קליידער
און איר זשאָזע — ער קושט זי כסדר.
„זשאָזע — צאַפּלט דאָס מיידל אין טרערן, —
מיר וועלן אין ליבשאַפט נײַע ווערן.

און ווי דער פויגל אַ נעסט זיך בויען
אונטער אַ הימל — אַ הויכן און בלויען,
אין אונדזער פרייד מיר'ן ביידע יערן,
מיר וועלן נײַערע, אַנדערע ווערן — — —"

זילדאַ איז יונג נאָר אַלט איז איר טרויער,
חלומט זי אין מאָקאַ אַליין אויפן טויער,
ווען רויכן קנוילן שוין ווידער פון קוימען
און מיט זיי — אירע פאַרטאָגיקע טרוימען.

סאַן פּאַולאַ, 1955

קומאַיאַ

אין די גראָזן זעגט דער היישעריק.
אין די הויכע,
אָנגערעגנטע גראָזן
און די פולע לבנה צוקאָפּנס —
ליגט קומאַיאַ פאַרוויקלט מיט נאַכט.

די צוויי געפלעקטע פיס,
אויסגעטריקנטע —
ווי צעבויגענע ראָר־שטעקנס
שטאַרן קוואַר,
סקעלעטיש
און אויף זײַן אָנגעפּוישטן
נאַקעטן בויך
ראַיען זיך די שטערן —
ווי גרינע לײַז.

דאָ, אויף דער ערד,
אויף זײַן אייגענער ערד, —
צווישן די קאַלטע נאַסע גראָזן,
אָדער אויפן שטיינגלוט פונעם ברוק,
אָדער צווישן די געצירטע פאַרריגלטע פּאַלאַצן,
אין די ליכטראָגן
פון וואַנזיניקן לוקסוס און תענוג —
דאָ האָט ער גאַרנישט,
דאָ האָט ער נישט קיינעם, קיינעם.

אָרעמער קומאַיאַ,
דײַנע ווײַסע האָרן האַסן דיך.
דײַנע שוואַרצע ברידער
זענען אַזוי אָרעם
און אַזוי טרויעריק ווי דו,
און דײַן גאָט ווױנט אין די וואָלקנס,
ערגעץ אין די פאַרהימלטע הייכן,
פונקט ווי די רײַכע ווײַסע האָרן —
דער רוח ווייסט אים ווו!

און דײַנע פיס בייגן זיך,
ברעכן זיך ווי ראָר־שטעקנס;

דײַנע הענט, ווי גליטשיקע וואַסער־פּלאַנצן —
זענען קראַנק און מיד
און דו קענסט נישט דערלאַנגען צו אים
צו זען, אפשר איז ער אויכעט ווײַס —
דײַן גאָט
און דערפֿאַר האָסטו נישט
קיין לעפּל רײַז,
קיין אייגן שטיינדל־געלעגער
און קיין טרערל גליק
פֿון אַן אייגענער רגע פֿרייד.

אָרעמער קומאַיאַ,
אין טרעמעמבע, ווו האָסט פּלוצעם דערזען
דײַן זוניקן הימל
און דײַן וויסטע ערד,
ווו אין דײַן ערשט געוויין
האָט זיך עמעצער לאַנג צעלאַכט
און ווו בלויז דער טײַך,
דער פּאַלמעבוים,
דער אורובו
און דער באַמבוס זענען דײַנע פֿרײַנד, —
אין דײַן בידנעם טרעמעמבע
וועט דער הייסער שוואַרצער פֿלאַקער
צינדן דײַן לאַנגע נאַכט,
דײַנע וואַלקנס
און דײַנע וועלדער.
דער שטורעם, וואָס לויערט הינטער די בערג —
וועט דיך אויפוועקן
מיט צאָרן פֿון פֿײַערדיקע פּיס.

אָרעמער קומאַיאַ,
ערשט אין דעם־אָ מוראדיקן שטורעם
וועסטו נאָך אַ מאָל געבוירן ווערן.

סאַן פּאַולאָ, 1955

דעמער אין טרעמעמבע

ווער האָט פֿאַרצויגן פֿונקען־שנירן
אויף די בערגיקע רוקנס,
די פֿאַלמען אין פֿײַער אָנגעצונדן? —

אין די גראָזן גליִען פּורפּלנע סאַפּירן,
די ווילדע בלעטער־שפּיצן צוקן
פֿאַרגאַפֿטע אין דעמער־וווּנדער.

די זון — אַ פֿײַערדיקע רויז,
זינקט אין תּהומיקן שוים
הינטער די בערג. ווי אַן עמעראַלד
בליצט אַ שויב פֿון אַ הײַזקע בײַם וואַלד.

אויף אַ באַרג־שיפּוע
פֿלאַטערט אַ פֿלאַמענדיק פֿערד
אין פֿלאַקער פֿונעם דעמערשײַן,
ווי אַ וואָלקן — זײַן אויפֿגעשטעלטע גריווע
טראָגט זיך הויך אין הימל אַרײַן.

פֿונעם קרומען רויטשטייניקן שטעגל
אַ האָרביקער שאָטן נידערט אַראָפּ אין טאָל.
אין די גלימערנדיקע קוסטעס זעגן
די גרילן אַלע מיט אַ מאָל.

פֿייגל־סטעגנעס ציִען
זיך איבער די פֿאַלמען, וואָס גליִען.
דער אָוונט קומט אַרײַן מיט אַ בלויען לאַמטערן,
מיט גרויסע צעפֿינקלטע שטערן.

סאַן פּאַולאָ, 1955

רואַ מאַואַ

איך אָטעם אויף רואַ מאַואַ מיטן נעגערוואַרג —
דאָס שאָלעכץ פון דער זיסער באַנאַנע.
איך לעב מיט די קאַליקעס, שיכפוצערס, טרעגערוואַרג,
וואָס וואַרטן אָפ אין דרימל די באַנען.

ס׳קען מיך דאָס גאַסנמיידל, וואָס בעטלט ציגאַרן,
זינגט און שעלט און שלאָפט אויף די שטיינער.
כ׳זע איר פרייד אין די ברודיקע ביליקע באַרן,
ווען זי זופט דעם פינגאַ דורך פוילע ציינער.

אויף מאַואַ טרוים איך בײַנאַנד מיט די וואַגאַבונדן,
וואָס דאַרפן נישט מער חוץ טרוקענעם ברויטל.
זיי לאַכן ביטער פון זייער הילוך — צעשונדן,
און לויזן דאָס לײַב זיך — מאָגער און קויטיק.

דאָ שרײַ איך אוים פערזן צווישן וואָגלערס אָן בעטן,
בלויז אַ הימל און צו כראָפען — אַ סקינע.
ס׳איז זיי גוט אין דער נויט, סײַ איצט און שפעטער
און פרעמד איז זיי רחמנות און קנאה.

און פיס וואָס האָבן קיין מאָל קיין שוך נישט געמאָסטן,
באָרוועס געבוירן און באָרוועסע שטאַרבן.
כ׳זע זיי, די הוילע פאַרגעלטע פיס ווי מיט ראָסטן,
ווי זיי קרענקען באַצײַטנס און דאַרבן.

כ׳טרינק דאָ דעם פײַן אוים פון בײַסטרוקעס אָן היימען,
זיי — וואָס קענען נישט קיין טאַטן, קיין מאַמען,
ווען די נאַכט פאַרוויגט זיי אין רויש פון פאַלמעבוימער
און זיי חלומט זיך אַ ווייך קישן מסתמא.

דאָך איז אויף מאַואַ מיר בעסער, ווי אויף איפיראַנגאַ,
ווײַל איך ווער דאָ אין טרויער געלײַטערט.
איין מאָל געווען און כ׳בין שוין ווידער געגאַנגען
דאָ צינדן מײַן ליד אין ווייִקן שײַטער.

סאַן פאַולאָ, 1955

קאַפּאַקאַבאַנאַ

א

קאַפּאַקאַבאַנאַ,
אויפֿן נאַקעטן נעגער־לײַב
פֿון דײַנע קוואַרע קנעכט־זין
פֿאַלן פֿון דײַן גאָלד־צעגליטן יולי
רויטע פֿײַערדיקע בלעטער.

אין אַלע ראָגן גליסטו
מיט לאַמטערנדלעך ברענענדיקן לויער.
ניין, אָנגעצונדענע פֿנימער
גלוטיקן אין דײַנע צווײַגן.

ווער דאַרף אַזוי פֿיל ליכט,
אַזוי פֿיל פֿײַער? —

קאַפּאַקאַבאַנאַ,
דײַנע זין, ווי צעבראָכענע פּאַלמעביימער,
טראָגן האַרבן אומעט אויף די אַקסל.
פֿײַן אין די טריט. שרעק אין די אויגן.
דײַנע זין פֿלאַקערן אין שוואַרצן פֿלאַם
פֿון דײַן הייסן טראָפּיק
מיט פֿאַרבאָרגענעם פֿאַרגליטן צאָרן.

וואָס דאַרפֿן זיי אַזוי פֿיל ליכט,
אַזוי פֿיל פֿײַער? —

קאַפּאַקאַבאַנאַ,
הינטער דײַן האַלב־לבנהקן געשטיין
כוואַליעט ווײַסע פֿרייד
פֿון זון־געצירטע שויבן,
זוען דער שוואַרצער אומעט
רינט אין די רינשטאָקן
מיט ליאַרעם פֿון אויפֿגעבונדענעם האַס,
אַזש די דימענטענע שטערן פֿאַלן פֿאַר פּחד
אין ים אַרײַן,
וואָס ראַלט זײַן רעווענדיקע פֿינע
צו פֿאַרפּלייצן די ברעגן.

ווער דאַרף אַזוי פֿיל ליכט,
אַזוי פֿיל פֿײַער? —

ב

אַזוי פֿיל שטערן דערטרינקען זיך אין ים
און קאַפּאַקאַבאַנאַ זינגט און לאַכט.
דאָס זענען די אַזוי פֿיל אויגן מן־הסתם,
וואָס לעשן זיך אויס דאָ בײַ נאַכט.

מיט אַזוי פֿיל שוים קאָכט דאָ דער ים
און קאַפּאַקאַבאַנאַ טאַנצט ביז משוגעת.
דאָס איז דער אַזוי פֿיל צאָרן מן־הסתם,
וואָס פֿאַרפֿינעט די ברעגן מיט האַס.

ג

לאָזט אים רוען, גיט אים דרימל,
שענקט אים חלום אַ מינוט.
צווישן שמאַטעס, קויט און שימל —
איז די הוילע ערד אים גוט.

זעט, אין זײַנע הענט איז אָפּגעוווּיגן
שטראָף! קוקט זיך איַין — זעט!
ס'קען דער פלאַם פון זײַנע אויגן
העליש אונטערצינדן שטעט.

צווישן דערנער פון זײַן וואָגל
ראַנגלט זיך אַ וואָלף מיט שאָף.
גיט אים חלום, רו — אַ נאָגל,
גיט אים אַ קרישקע שלאָף.

ד

זי וואַקלט זיך, אַן אונטערגעזעגטער בוים,
זי ברעכט זיך איבער, פֿאַלט און קראַכט.
אויף אירע ליפּן קאָכט דער שפּירט אין שוים,
זי וויינט און שעלט, זינגט און לאַכט.

אַ קינד אין שמאַטעס זיך וויגט אויף די הענט
פֿון שיכורער מאַמען פֿון פּינגאַ און פּײַן.
איר דאַכט — די שטאָט — הויכע פֿלאַמענדיקע ווענט
און שפּרינגט מיטן קינד אין זיי אַרײַן.

די ערד ליאַרעמט-אויף. די ערד שרײַט:
וויי, וויי, אַ מאַמע איז אַרײַן אין פֿלאַם — — — —
נאָר קיינער האָט דאָ נישט קיין צײַט
צו זען: אַ מאַמע שטאַרבט אין בלויען סם.

ריאָ דע זשאַנייראָ, 1954

זשעסאָניטאַ

זאָג, וואָס וויינסטו, זשעסאָניטאַ,
מיין טייערע זעזע, —
פאַר אַ מויד — אַ סעניאָריטאַ,
כ׳לעבן, איז עס פע!

דיינע האָר, דיין שאָפן קעפל
איז באמת שיין.
אויך דיין אויסגעפלאָכטן צעפל
האָט קאַריאָקאַ־חן.

און דיין בויגיק־דינע טאַליע,
דיינע בריסטלעך יונג
און דיין פלינקער טראָט פון אַלע —
אַ גאַזעלן־שפרונג.

ערשט די אויגן, דיינע אויגן —
בליציקער סאַפיר
און ווי פיילן פון אַ בויגן —
סאַמע רייץ און גיר.

וואָס זשע וויינסטו, זשעסאָניטאַ,
ס׳וועט דיר מאַכן שלעכט, —
וויין נישט, וויין נישט, סעניאָריטאַ,
דו ביסט נישט גערעכט.

דיינע שוועסטער פון פאַוועלאַ
לאָזן נישט קיין טרער,
ווען אַפילו זייער שוועל אַ
טרויער וויקלט שווער.

דיינע ברידער, די מולאַטן —
צאָרן ביזן ביין,
שוויַיגן הינטער גורל־קראַטן
אָן אַ זיפץ געוויין.

וואָס זשע וויינסטו, סעניאָריטאַ,
לעש נישט אויס דעם פלאַם
פון דיינע אויגן — זשעסאָניטאַ,
קינד פון נעגער־שטאַם.

סאַן פאַולאָ, 1955

קאַרמען

קאַרמען,
טאָכטער פון בעלאָ האָריזאָנטע,
שמעקסט מיט רייפן צוקער־ראָר,
מיט באַמבוסן,
מאַראַנצן,
מיט גראָזן,
מיט טײַכן
און מיט אינדזלען.

פון דײַנע בײדע
אָנדנאָיקע קאַווע־אויגן
און פון דײַן ברוסט — דער אַכצניאָריקער,
שרײַט אַרויס דער ווילדער טראָפּיק
מיט זײַן פאַרבאָרגן און אויפגעגליט פײַער.

קאַרמען,
טאָכטער פון זוניקן בראַזיליע,
די ווײַסקייט פון דײַנע שטאַרקע רײַזציין
גאַרט זיך אײַנבײַסן
אין ווײַס מענער־לײַב —
ס'זאָל אַרויסטאַנצן פון דײַן הייסן
שוואַרצן שוים
אַ ווײַסער זון מיט אויגן —
ווי בלאָע אָזערעס
און מיט אַ גרויסן קאָפּ בלאָנדע קרויזן, —
אַזוי גיריק דײַנע רײַזציין,
אַזוי קאָכעדיק דײַנע בריסטן.

קאַרמען,
קינד פון אומעטיקן נעגער־שטאַם, —
כ'קוק אויף דײַן דראָטיק קוטשמעלע האָר,
אויף דײַנע אָרעמס,
אויף דײַנע צעבליטע היפּטן
און כ'הער זייער שוואַרץ געשריי,
זייער ליכטיק געוויין.

די שטערן איבער דײַן נאַכטיקן קאָפּ הימל
גלי̇ען ווי נעכטן —
גרויס און אייביק.
דאָס בלאַסע רעפּטעלע לבנה
וועט מאָרגן זײַן זילבעריק און פולער.
דער אַלטער טײַך —
געבוירן אין אומרו,
וועט ווײַטער אײַלן צום אַטלאַנטיק
און דײַן שוואַרץ לײַב
וועט ווײַטער זינגען
דאָס ווײַסע געוויין פון דײַן צעפלאַמטן גיר, —
אָ, קאַרמען,
שיינע טאָכטער פון בעלאָ האָריזאָנטע,
אָרעם קינד פון אומעטיקן נעגער־שטאַם.

בעלאָ האָריזאָנטע, 1954

שוואַנען

בײַ נאַכט. אין אַלטן פּאַרק אויף איפּיראַנגאַ,
לעם רונדן באַסיין דרימלען שוואַנען צוויי.
אַ הויכע צוויי־שטאַמיקע צווילינג־פּאַלמע
וויגט אַ לבנה־קרוין שטיל איבער זיי.

אײנע — שניי־ווײַס, פּעך־שוואַרץ די צווייטע
און ביידע שלינגען די שטערן פון באַסיין.
פליגל צו פליגל, די העלדזער פאַרפלאָכטן,
פאַרליבט זענען ביידע שוואַנען און שיין.

ווייכע טריט. נאַקעטע אויגן. די אָרעמס —
ביזן ביין פאַרקלאַמערט — נאָענט, געטרײַ.
ווײַן און לעבן. פרייד אין גלי פון באַגערן
שוועבן דעם באַסיין, די שוואַנען פאַרבײַ.

אויף זייערע העלדזער, דאַכט זיך — איין האַלדז,
פאַלן לבנהקע זילבער־רינגען ליכט.
דער פּאַרק פאַרסודעט מיט סטעזשקעס גרינע,
דאָס ווילדע בלעטערוואַרג אָטעמט געדיכט.

די נאַכט לאָקט אין שימער. שטילקייט מורמלט
מיט תאווה־גערויש. מיט סטרוניקע רייד.
די שוואַרץ־ווײַס פאַרפּאָרלט געטוליעטע שוואַנען
שלינגען די שטערן פאַרדרימלטערהייט.

קעגן איבער אויף אַ באַנק, האַלב אין שאָטן
פון דער זומערדיקער נאַכט — הויך און בלוי,
מיט גראָבער ליפּ אַ נעגער קושט זיך דאָרשטיק
אַרײַן אין צאַרטן פּנים פון אַ ווײַסער פרוי.

ריאָ דע זשאַניירא, 1955

איטאַפּעטינינגאַ

דײַנע שנירן לבנות — די בלענדיקע לאָמפּן,
רויבן די רו פון דײַנע וואַגאַבונדן, —
איטאַפּעטינינגאַ, ווער דאַרף די דאָזיקע לבנות
און ווער האָט זיי דאָ אַזוי צעצונדן?

און די פידלען, וואָס פאַרסטרוניקן דעם אומעט
פון דײַן איבערגעזעטיקטן מאָגן, —
איטאַפּעטינינגאַ, ווער דאַרף זיי צום מידן געביין
פון דײַנע דרימלערס אין די ראָגן?

און דײַנע פרעכע געמאָליעוועטע קאָקאָטעס,
וואָס רויטלען זיך, נעבעך, פון צניעות, —
איטאַפּעטינינגאַ, ווער דאַרף זייער נאַקעט געלעכטער
צום פּײַן פון אַלטע פאַרשעמטע ווײַעס?

און דײַנע נאַכט-בירזשעס — שיכורע טאַבערנעס,
ליבע דורך טרערן, מעסערס און שרויטן, —
איטאַפּעטינינגאַ, ווער דאַרף די סם-פּרייד פון פינגאַ,
דײַנע זין זאָלן חלומען פון טויטן?

און דײַנע קינדער, וואָס ראַיען אין די מיסטן,
די קאַליקעס, די יונגע אינוואַלידן, —
איטאַפּעטינינגאַ, דערמאָן דיך דעם אַנגסט פון פויסטן,
די המונישע טריט וואָס זידן.

ריאָ דע זשאַניירע, 1955



איטאליעניש

...„ער האָט נישט קיין בעט און קיין דאַך,
קיין טויב, קיין סטרונע פֿון אַ גיטאַר;
קיין שום אַנדערע אייגענע זאַך —
בלויז דאָס אַש אויפֿן שטיקל ציגאַר".

נעכט אין ווענעציע

גאָנדאָלעס

אין די קאַנאַלן — שמוציק און טיפע,
שווימען קעפּ און טויטע אויגן.
די הײַזער — קעגן בריקן און בויגנס,
זינקען ווי זיך טרינקענדיקע שיפן.

נישט בלויז פרייד פירן די גאָנדאָלעס,
אויך טרויער און וואַנזין פון ווײַן.
די גאָנדאָלעס — שוואַרצע טרומנע-שאָלן —
פירן און פירן ווייטיק און פּײַן.

די דעכער גרינען מיט ליחות
און מיט שימל. מיט זייערע ריחות
פון מײַז, פון קעץ און השתנה
אַווירט עס ביז אַרויף דער לבנה,
וואָס הענגט אַ צעקנייטשטע און געלע
אויף דער טונקעלער הימל-סטעליע.

און ווענעציע שימלט און זינקט,
ווענעציע שטאַרבט און זינגט.
נאָר האָבן האָט זי פריילעכע ווײַבער,
שפּילט מען זיך מיט זייערע לײַבער.

„טרע גאָבי"

אין טראַקטיר פון די „דרײַ האָרבאַטע",
בײַ איבערגעקערטע פלעשלעך ווײַן,
אַ מענטש — אַ צעקנאָדערטע שמאַטע —
און פּאַלמע־שאָטנדלעך וויגן אים אײַן.

ער האָט נישט קיין בעט און קיין דאַך,
קיין טויב, קיין סטרונע פון אַ גיטאַר.
קיין שום אַנדערע אייגענע זאַך —
בלויז דאָס אַש אויפן שטיקל ציגאַר.

דרימלט ער בײַ אַ ליידיקער גלאָז
און חלומט — פון אַ פולער.
ער שפּילט מיט זײַן שיכורער נאָז
און דער קאָפּ זשומט אים אַ דולער.

קאָשמאַרן זעט ער. שלענג און ווערעם
ראָיען אים די פאַרברענטע געדערעם.
קיינער וועט אים איצט נישט שטערן —
ער זאָל אויף אייביק אַנטשלאָפן ווערן.

וועראַנדעס

באַבלומטע וועראַנדעס. פאַרליבטע טויבן.
אין ראַש-צעבליצטע פײַערן-קאָלירן
טאַנצן אין די גאָלדענע שטויבן —
שלאַנקע באַפראַקטע קאַוואַלירן
מיט דאַמעס — אין גרינס, אין רויטן.

אַ געגאָס פון שאַמפאַן אין באָקאַלן.
אונטער ווײַבערשע צעפלאַמטע הויטן
קוועלט די נאַכט-פרייד. טאַצן שאַלן,
די קלאַרנעטן כיכיקען, מוראַדיק וויינען
די פידלען צווישן פרעכע שפאַסן.

נאָר דו זאָלסט נישט מיינען —
דאָס זענען די וואָכעדיקע גאַסן
איצט אָרוים האַלב-נאַקעט אין שיגעון.
ניין, זיי גלאָצן מיט פינצטערע אויגן —
פאַרלאָשענע אין די שפעטע שעהען
פון דער נאַכט — צאָרנדיק און ברוגז.

די וועסלעס רוען. די גאָנדאָלערן שלאָפן.
פון די וועראַנדעס — צעבליצט און אָפן —
יאָגט דאָס שיכרות, די זנותיקע זינד,
כדי שפעטער אויסצוליידיקן פון בעטן
נאָך אַ ראָז-צעפאַרעט ממזר-קינד —
פאַרהעמדלט אין פרימאָרגן-גאַזעטן.

אָבער ווענעציע טאַנצט און זינגט,
ווענעציע — שטאַרבט און שטינקט,
ווײַל האָבן האָט זי תאווהדיקע ווײַבער,
שפילט מען זיך מיט זייערע לײַבער.

טאָכטער װענעציאַנער

— װאָס טוסטו דאָ, מײדל,
אַרום די קאַנאַלן
בײַ די געהײמע גאָנדאָלעס?
זע, אויף סאַן־מאַרקאָ
די שאָטנס שוין פֿאַלן,
ס׳לעשן זיך די זשיראַנדאָלן.

לעם בריק פֿון די זיפֿצן,
אויפֿן בריק פֿון דרײַ אַרקעס —
פֿאַרװינקלט זיך עמעץ אין לויער.
ס׳שװימט־אָן דער פּחד
אויף זעגלען און באַרקעס,
אויף שלעסער, טירן־טויער.

פֿון קאַללע דעי פֿראַטי
ביז דער לאַרגאָ נאַני
בליצן די הײסע קינזשאַלן.
אַפֿילו די שטערן,
טאָכטער װענעציאַנער —
זענען דאָ גרײט צו באַפֿאַלן.

— דאָ בין איך געבוירן
און דאָ װעל איך מיך עקן, —
ענטפֿערט דאָס מײדל מיר גאַליק,
איז װאָס זשע דער פּחד
און װאָס קען מיך שרעקן
די נאַכט מיט אירע קינזשאַלן?

מײַנע נעכט — אַ חלום,
מײַן שלאָף — אַ געלעגער
איז דאָס „אינדזל פֿונעם דערלײזער".
מיך היט די מאַדאָנע
אויף אינדזלען — אַ ברעגן,
מיט שאָטנס געהײמע און בײזע.

דאָס מיידל ווערט נעלם.
אין נעפּלען זיך טיקן
די פלעמלעך אויף די קאַנאַלן.
און די נאַכט — באַזויפן
אויף פיר הונדערט בריקן —
לאַכט מיט צעבליצטע קינזשאַלן.

זי קייַכט מיט יסורים,
מיט בלוט און מיט אייַטער —
די אַלטע נאַכט פון ווענעציע.
אין פינצטערן אָפּגרונט
אַלץ ברייטער און ווייַטער —
שפּינט זי די זינדיקע נעצן.

פון ערגעץ אַ פּיאַצאַ
אין שיכורן נעפּל —
צעפלאַמען זיך דאַנטעס אויגן.
ער נידערט פון לעצטן
פון שטייניקן טרעפּל —
מיט אָרעמס ווי שווערדן געצויגן.

ער שרייַט און ער צאָרנט,
דאַנטע אַליגיערי
און שעלט מיט אָטעם צעגליטן — — — —
נאָר אויף הונדערט אינדזלען
שטאַרבט אין ווונדן שווערע —
די נאַכט אויף צווייען צעשניטן.

שטאַרבט די נאַכט מיט פולע
בריסטן וויַין, מיט פרעכע
אויף קויטיקן ברוק אין שימל.
און הינט אין די ראָגן,
קעץ אויף די דעכער —
וואָיען און קלאָגן צום הימל.

דזשאָוואַני

דאָס יִינגל דזשאָוואַני, דער בלינדער דזשאָוואַני
שטייט מיט אַ גיטאַר אויפֿן ראָג לאַרגאָ נאַני
הינטער טירן־פֿענצטער צעפֿראַלט.
ער ציט און רימפּלט אַן אַלטע סערענאַדע
פֿון עפּעס אַ ליבע אויף „טשינקווע לאַמפּאַדע"
און ניקל קלינגט אויפֿן אַספֿאַלט.

די נאַכט איז אַ הייסע מיט ווײַן און מיט פֿרויען,
מיט ליכטיקע שטערן, אַ הימל אַ בלויען,
מיט אַלץ וואָס עס דאַרף זײַן גיטאַר,
אַז אין בוידעם־לעכער, דורך נישעס, שפּאַרונעס
זאָל צוויקן דער לירישער יאָמער פֿון סטרונעס
בײַם האַרץ פֿונעם שיכור און נאַר.

רונד־אַרום די אַלטע גוטע איטאַליענערס
שלינגען זײַן אומעט פֿון גיטאַרישע טענער
און שאָקלען צו ריטמיש די קעפּ.
זיי קײַען דעם טאַבעק פֿון שוואַרצן „אַוואַנטי"
און טראַכטן דערבײַ פֿון אַ פֿלעשל „קיאַנטי"
און לאָקשן פֿון וואַרעמע טעפּ.

(דורכן גראַנד־קאַנאַל, בײַ מאַטע זשיראַנדאָלן
ציִען אין געהיים די באַבלומטע גאָנדאָלעס
מיט יונגע פֿאַרליבטע אָן צאָל.
דער פּאַלאַץ דוקאַלע שימערט מיט סאַפּירן
און מיט איידלשטיינער, ווי כּישוף־קאָלירן,
בליצט זײַן קרוין — דער הויכער קופּאָל.

אויף העלע וועראַנדעס פֿון שענק און קאַפֿייען
די שיכורע פּאָרלעך שיכור זיך דרייען
אין וואַלצערס פֿון ליבע־דעליר.
די באַזויפֿענע פֿרייד פֿון גלוסט און פֿון תּאווה
שפּאַרט זיך צום דרויסן — אַ גלײַקע לאַווע
מיט נאַקעט־צעשריגענעם גיר).

די נאַכט ווערט אַלץ טיפֿער און גרעסער די שטערן.
אין די טונקלע ראָגן די שאָטנס בלויז הערן
דזשאַוואַנים דינסטרוניקן צער.
— ווער וועט אים איצט נעמען און ערגעץ דערפֿירן? —
די שיכּרות כראָפּעט אין צעפּלאַמטע געהירן —
פֿון זונה, פֿון שיכּור, פֿון נאַר.

ווי שלוכצן פֿון ווייטיק געפּערלט אויף שנירן
די לעצטע גיטאַרע־אַקאָרדן וויברירן,
זיי ציטערן־אויס און פֿאַרגיין.
די אויגן דעם יִנגלס — צוויי כּוסהלעך טרויער,
ליגן צעבראָכן הינטער טירן און טויער —
אויף פֿרעמדן, אויף נאַקעטן שטיין.

אַ וואָגלער־פּאָעט אין זײַן אומרו צעגליטן,
ווי שאָטן אַ שטיק פֿון דער נאַכט אָפּגעשניטן —
שלײַכט דורך זיך פֿאַרטײַעטערהייט.
ער כאַפּט אויף די אַקסל דאָס נאַכטיקע יִנגל,
טראָגט אים צו די שטערן מיט אַ פֿײַף, אַ זינגל —
צום חלום פֿון ליכט און פֿון פֿרייד.

בײַ נאַכט.
אויפֿן קאַנאַל צו דער זיפֿצן־בריק,
ווי אַ זיפֿץ — פֿליעסקעט אַ גאָנדאָלע.
שוואַרץ דער קאַנאַל —
ווי פּליסיקע סמאָלע,
נאָר ווײַס דאָס קלייד
פֿון דער יונגער דאַנגע
און איר באַגלייט
דאָס בלייכע פּנים —
פֿון דער לבֿנה.

די אַלטע תּפֿיסה־וואַנט
שימלט גרין אין שאָטן.
די קוואַדראַטן פֿינצטערן הינטער זשאַווערנדיקע גראָטן.
אָפּגעפֿלויגן
איז די לעצטע טויב פֿונעם בויגן.
אַלט בליצט דאָס גאָלד
פֿון מאָסיוון פּאַלאַץ דוקאַלע.
און ווי אַ זיפֿץ פֿליעסקעט די שוואַרצע גאָנדאָלע.

אין איינעם מיט דער לבֿנה
שטײַגט די דאַנגע אויס פֿון דער גאָנדאָלע
אויפֿן זיפֿצן־בריק.
אין קאַנאַל —
אַ צערינצלטע סטענגע אַ שמאָלע,
זינקט איר בליק —
איר דערוואָרגענע יללה.
אין שאָטן ציט אַוועק די ליידיקע גאָנדאָלע.

אַ שטערן
לעשט זיך אויס אין גרינעם פֿינקל.
פֿון אַ פּאַלאַץ־ווינקל
בלינצלט אין געלן קריינדל אַ לאַמטערן.
געדיכט נעפּלט די קילקייט.
אין ווענעציעס וואַסער־שטילקייט —
דער לעצטער ריטמוויג פֿון אַ באַרקאַראָלע
און אויפֿן קאַנאַלן־שליאַך —
ערגעץ ווו נאָך אַ פֿאַרשפּעטיקטע גאָנדאָלע.

אין גראַנד־קאַנאַל טרינקט זיך די לבנה.
אין לאַנגן ווײַסן קלייד ווי אַ שוואַן —
די יונגע דאַננע
חתמעט־אָפּ צום לעצט אין וואַסער
מיט אַ זיפֿץ — איר פּנים.
אַ פּליוסק.
דער קאַנאַל ברעכט זיך אײַן
אין קרומע פּאַסן — — — — — — —

און ווידער פּליעסקעט זיך פּאַוואָליע,
ווי אַ זיפֿץ — אין לבנה־שײַן —
אַן איינזאַמע גאָנדאָלע.

ווענעציע, 1953

וויאַ די פּרע

אויף די נאַסע צעהאַנגענע העמדער
איבער יעדן געטרעפּלטן הויז —
קריכט־אום אַ בלייכע לבֿנה, ווי אַ לויז.

בײַ פלאַכדאַך־פאַרביקע בײַדלעך
הוידען זיך שיכורע מאַטראַזן
אויף יונגע צעקאָרטשעטע מיידלעך,
ווי אָפּגעבליאַקעוועטע שמעטערלינגען.

די איבערגעבויגענע שיף־יונגען
גלעטן זייערע הוילע ליטקעס,
קווארע בריסטן,
רויכערן און הוסטן.

אויסגעקראַכענע קעץ. גראַ־געפּאַקטע טויבן.
מכשפה־קעפּ אין פאַרלויעטע שויבן
הינטער לאַנגע געזשאַווערטע קראַטן,
אַ גרילצעניש פון אַלטע נודנע פלאַטן.

אין רויש, אין שאַרפן ריח פון השתנה,
אַ פרוי אין שוואַרצן — אַ ווראַנע —
סודעט, כיכיקעט מיט ציין, ווי מצבֿהלעך אַ שורה:
„בעללע דאַננע, דועטשענטאַ לירע — — — ”

אַן אויפגעשריי אין קרומע קאָרידאָרן,
ווי אַ גאָרגל זאָל האָבן איבערגעביסן געוואָרן.

אויף בייניקע פינגער האַלט זײַנע אויגן
אַ בעטלער אַ בלינדער
און זשילים אַן אַריע ער ציקלט.
עטלעכע נאַקעטע קינדער
צעשלעפּן פון זײַן היטל דאָס ניקל.

און אויפן געלן דיסק פון דער לבֿנה —
אַן אויפגעיאָזשעטער קאָטער איז מזנה.

גענואַ, 1953

װענעציאַנער מאָזאַיִק

טרעפּ און באַלקאָנען

אונטער האַלב־רונדע באַלקאָנען,
װי ריזיקע טשערעפּאַכע־שאָלן,
אַנדערע — װי צעשלאָגענע קאַראַבעלן
אין גילדענע פּעדעם שפּינװעבס,
הייבן זיך אַרויף טרעפּ,
װי צעצויגענע אַקאָרדעאָנען
אין פֿינקלדיקן זונשטויב;
נידערן אַראָפּ טרעפּ —
װי אַלטע פּיאַנע־קלאַװישן
אין בלייך־פֿאַרזילבערטע לבנה־שאָטנס.

אַזוי פֿיל פֿרייד אין באָרװעסער יונגשאַפֿט,
װי אויף אינדזלען אין טאָגבלוי.
אַזוי פֿיל טרויער פֿון זיפֿצנדיקער זיקנה,
װי אויף מצבֿות אין אָװנטגרוי.

די שװערע סקולפּטורענע פֿיגורן
אין מאָכיקע פּאַמיגעס און נישעס —
עדות פֿון פֿרייד און פֿון טרויער,
לאַכן אייביק
און װיינען אייביק
אין זייער האַרטער קאַלטער שטיינקייט.

אין זיין שקאַרלאַטענעם טוניק
דער טאָג — אַ שיכורער גאָנדאָליער,
שיפֿט זיך איבער די מוטנע קאַנאַלן
צװישן טרעפּ און באַלקאָנען —
טרינקט און זינגט.

װײַן און סערענאַדעס.
טענץ און דאָננעס.

װיפֿל שקיעה־שײַן אין אויפֿגעפּראָפּנטע פֿלעשער
איבער צעהוידעטע באַלקאָנען;
װיפֿל גסיסה־בלוט אויף צעבראָכענע שאַרבנס
אונטער צעװאַקלטע טרעפּ.

קעץ און טויבן

אויף די רויטלעכע קאַפּליעס
פון די אַלטע צעבויגן־משופּעדיקע דעכער,
אָפּגעגאָסענע מיט שקיעה־צונטער —
פלאַקערן מחנות טויבן.
פון אַ פאַרוויקלטער גרינער שאַל אַרויס
גאַפט אַ צעקודלטער קאָפּ פון אַ זקנה
צו טויבן אין זוניקן פייַער.

אַזוי פיל פלאַמענדיקע ליבשאַפט,
אַזוי פיל טרויעריקע שיינקייט,
וואָס קען נישט פאַרגיין
אויף דעכער אין געצונדענעם דעמער.

אין קאַנאַוועס הינטער הויכע שאָטנס,
ווי בלויע לייטערס אָן שטאַפּלען, —
האָרבן זיך קעץ.
זייערע אָנגעשאַרפטע אויגן, ווי דימענטן —
שלייַפן מיט גרינלעכן בליאַסק
די טונקלענדיקע ראָגן.

אַזוי פיל שאַרף־אָנגענאָגלט בייז,
אַזוי פיל לויערגלי,
וואָס לעשט זיך נישט אויס
אין די קאַנאַוועס פון ווענעציאַנער פאַר נאַכט.

פּלוצעם —
מיט גרויסע פלעדערמויז־פליגל
באַפאַלט דער אָוונט די זינקענדיקע מויערן.
שאָטנס — ווי שווערע טויערן —
פאַרשליסן גיך די לאַבערינטיקע ליקל־געסלעך.

די טויבן־פאַרלעך
שוואַרצן אין קופּקעס אַש.
די קעץ גליווערן —
ווי טויטע בייַנאַכטיקע שטיינער.

לאַנג לעבט דער טאָג אין װענעציע
און נאָך לענגער שטאַרבט ער.

אין הויך־פּאַרשפּיצטן קאַמפּאַנילע־טורעם
הודעט דאָס טעמפּע קופּער פון צײַט און תּפֿילה.
די אַרקאַדן פון דער קירך סאַן־מאַרקאָ
ברענען אין צעגליטן דעמערפלאַם.

די טרעפּ און באַלקאָנען
פינצטערן געהיים און פּחדימדיק,
ווי אַלטע פאַרוואָקסענע קבֿרים און מצבֿות.

שויבן און מיידל־פּנימער

אין די אַלטע שויבן, ווי אָפּגעבראָכענע שטיקלעך ים,
אין מיניִענדיקן גרין און אָראַנזש —
וויגן זיך בלאָנדע מיידלקעפּ,
ווי אָפּגעוועלקטע זונרויזן.

מיידל־פּנימער —
ווי צעשוווּמענע פלעקן פון דערטרונקענע.

אַזוי פיל אומעט
אין בונטן קאַלירשפּיל אויף שויבן.
אַזוי פיל בלוי־שוואַרצע אויגן־שײַטערס,
צאַפּל,
אַנגסט,
באַנג און אומרו.

אויף דער מאַסיווער פאַנטע די ריאַלטאָ,
וואָס גליט אין קאַנאַל, ווי אַ רעגנבויגן —
גייען־אויף,
פאַרגייען נאָענטע מאַנדאָלינעס.

סטרונעס —
וואָס שטאַרבן איידער זיי ווערן געבוירן
און פלאַטערן אַוועק, אַוועק,
ווי אַנגעצונדענע טויבן.

אָן עכאָ ציטערט־אויס אַ גיטאַר
איבער די צערינצלטע וואַסער־וועגן.
אַ גידאָלגאָ פּיבערט אין אַ סערענאַדע
הינטער די געוועלבטע שאָטנס פון אַ פּאַלאַץ.

וויפל ליבע־שלוכצן
אין קאַלטן מעטאַל פון טרויער.
וויפל הייסער באַגער
אין שענסטן וואָרט פון פערזנבלוט.

אויף דאַנטעס מאַרמאָרנעם קאָפּ
אין אָפּגעזשאַווערטע בלעכענע לאָרבערס,
זיצט די נאָכמיטיק־זון —

ווי אַ פֿײַערדיקע קרוין.
דורך זײַנע פֿאַרשטויבטע אויגן
וואָגלען פֿאַרבײַ וויאָלעטע כמאַרעלעך,
ווי צעריסענע גאָנדאָלעם.

אין יעדן צעפּלאָסענעם קאַנאַלן־ראָג
סודעט זיך די שטילקייט מיט שאָטנס.

צו דער גלאָזיקער קילקייט פֿון שויבן,
אין טונקלבלאָ און אָכרע —
קלעפּן די מאָדאָנישע מיידל־פּנימער,
ווי גרויסע טויטע שמעטערלינגען.

שטערן און גאַנדאָלעס

פונעם נידעריקן טיף־וויאָלעטן הימלראַנד
זינקט אַראָפּ אַ רעפּטל לבנה,
ווי אַן איבערגעקערטע גילדענע גאַנדאָלע
אין טינטיקן גראַנד־קאַנאַל.

אויף דער פּאַנטע דעי סאַספּירי —
די אַלטע בויגנבריק פון די זיפצן,
אַן אַנגעשוואָלענע מיט פייַכטע שאָטנס —
בליִען גרויסע שטערן.

אַזוי פיל בליאַסק אויף מאָכיקן שימל,
אַזוי פיל גרינער פונקענפינקל
אין געדיכטן געוועב
פון אויסגעשפּרייטע חושך־נעצן.

אין די קרומע צעוויגטע וואַסער־געסלעך,
ווי לאַנגע צעשערבלטע נאַכט־שפּיגלען, —
טרינקען זיך די פּאַרסודעטע
צעהוידעטע דאָזשן־פּאַלאַצן.
דורך זייער געפּרעסטער פּאַרלאָשענער שטילקייט
פליעסקען פאַרבייַ גאַנדאָלעס —
ליכטיקע חופּה־בעטן,
וואָס לאַכן
און פינצטערע גאַנדאָלעס,
ווי שוואַרצע טויטן־אָרונס —
וואָס קלאָגן.

וויפל גלוטיקער פיבער
פון לייַב און ליבע־דעליר;
וויפל אָפּגעקילטע שנירלעך טרערן
פון לעצטן טרויער.

גאַנדאָלעס — האַלבע לבנות,
וואָס שווימען אַרויפצו אין אויפהעלנדיקן הימל אַרייַן
און גאַנדאָלעס — שווערע טרומנעס,
וואָס ציִען אַוועק אין לאַנד פון די אייביקע שאָטנס.

אַזוי פיל געלעכטער
איבער שטערנדיקן גרינגלי;
אַזוי פיל יאָמער
אונטער חשכותדיקע נאַכט-נעצן.

אין די קוואַדראַטנע אימהדיקע לעכער
פון דער פּאַרצייַטיקער טוכלער תּפיסה-מויער
שטייט דאָס שיינע טויטע פּנים בייַראָנס,
וואָס לאַכט אַזוי קורץ
און וויינט אַזוי לאַנג.

ווענעציע, 1953



אפריקאניש

...„יאַבאָס האָט נאָך עפּעס: אַ נאָמען,
אַ שטערן — וואָס טראַכט.
און ווײַסע ציין מיט שוואַרצן צאָרן —
ווען ער לאַכט".

טראַפאַלגאַר סקווער

צווישן אַלטע מאַסטן
פון קליינע פאַרזשאַווערטע משא-שיפן
און איבער אויסגעקרומטע
טיף-פאַרשטויביקטע פאַלמען —
שטרעקט זיך אויפן טראַפאַלגאַר סקווער
דער בראָנדזיקער נעלסאָן-דענקמאָל.

די טראָפישע זון פלאַקערט.
אַ מטורפדיק ווינטל לויפט-אום מיט בליציקע חלפים.

שטאָלץ קוקט אַוועק דער ים-העלד
צום צפון-אַטלאַנטיק,
וואָס וויַיט פאַרהימלט ער זיך
מיט גלאָזיקן בלוי און גרין.

דאָס מערב-אינדיע אינדזל
רייפט מיט וועלדלעך צוקער-שטעקנס.
ס'שמעקט מיט פרישן רום,
מיט זיסע שאַרפע סיראָפן.

אין די פאַרחלשטע בלעטער-פלאַנצן
שריַיען מאַלפּעס
און מוראדיק קוויטשען פּאָפּוגיַיען.

ביַים דענקמאָל —
אין אַן אַלט געבלימלט קלייד,
אַ צעקנייטשטע נעגער-פרוי
שטייט מיט אַן עמער משקה פון מאָבי-קאָרע.
זי האַלט אירע אויגן
אויפן בייניקן פנים פונעם ים-העלד
און וויינט אַן טרערן.

לעם איר — אַ האָרביקע שכנה
ביַי עטלעכע אויפגעשניטענע קאָקאָסן.
אויך זי האַלט אירע אויגן
אויף נעלסאָנס אָנגעהיצט פנים
און וויינט אַן טרערן.

אויף די אַלטע משא־שיפֿן
שווייסיקן אין זוניקן פֿלאַקער
יונגע שוואַרצע גופים.
זעק, פּולע זעק וואַקסן אָן מיט אַ ווערך
אויף די שיפֿן.
זיי רעוועון און גליטשן זיך אַוועק
אין פֿאַרקנוילטע רויכן.

נאָר דער בראַנדזענער ים־העלד
דאַרף נישט קיין טרונק מאָבי,
וויל נישט קיין קאָקאָס־נוס
און זעט נישט די פֿאַרשוויצטע לײַבער.

ווײַט קוקט ער צום אומענדלעכן אַטלאַנטיק,
וואָס פֿאַרבט זיך טונקל־גראַנעט
אונטערן היים־פּליכיקן הימל,
וואָס שטופּלט זיך שוין אָן
מיט גרויסע בליאַסקנדיקע שטערן.

און ווײַטער קוויטשען די פּאַפּוגײַען,
די מאַלפּעס צעבײַסן
די אַראָפּגעפֿאַלענע נאַכט אויפֿן אינדזל.

באַרבאַדאָס, 1957

דרײַ בלינדע

צוויי הענט אויף די אַקסלען
פֿון ערשטן,
צוויי הענט אויף די אַקסלען
פֿון צווייטן —
אַזוי שפּרײַזן אין טאָגליכט
דרײַ יונגע בלינדע נעגערס
פֿאַרקלאַמערט אין צווייען,
אין דרײַען.

דרײַ נעגערס — באָרוועס און נאַקעט,
דרײַ זין פֿון באַרבאַדאָס;
דרײַ פּאָר פֿיס, ווי באַמבוסן דאַרע —
קנעטן די הייסע זאַמדן פֿונעם אינדזל.

דאָס אינדזל בלאָט און זוניקט.
ווילד גרינען די פּאַלמעביימער.
דער ים ראָלט און פּליעסקעט.
מאַלפּעס קוויטשען,
פּאַפּוגײַען שרײַען
אין בריטן באַנאַנען-געבלעטער, —
און בלינדע נעגערס
שפּאַנען זאַלבעדריט אין גלײַקע זאַמדן
פֿון רוישיקן אינדזל —
נאָר ס'אינדזל איז פֿאַר זיי אַ צווינטער.

אַ מאַרק —
אַ צעראָיעטער שוואַרצער מוראַשניק
מיט זידל און טומל.
די פֿיש שטינקען סכנות.
דער צוקער-ראָר שמעקט.
די מאַראַנצן גאָלדיקן.
בליץ פֿון אַ מעסער.
רויטס אין די זאַמדן.
און דער יונגער בלינדער דרײַלינג
שאָטנט שווײַגיק פֿאַרבײַ דעם מאַרק —
ווי דרײַ לאַנגע שוואַרצע טרומנעס.

וווהין ציִען דרײַ בלינדע נעגערס
דורך ערדענע שטיבלעך — ווי פינצטערע וואָלקנס,
פֿאַרקלאַמערט אין פּײַן פֿון איין גורל?

קיינער פֿרעגט נישט,
קיינער ענטפֿערט נישט,
קיינער ווייסט נישט —
וווהין ס'וויגט זיך דער בלינדער דרײַלינג,
וואָס גייט און פֿאַרגייט
אין שטאַרקן בלאָ פֿונעם דעמער,
העט־ווײַט אַוועק, אַרויף־אַרויפֿצו צום הימל.

אויפֿן אינדזל קריכט אַרויף דער אָוונט,
ווי אַ גרויסער בער פֿון דער נאָרע.
און דאָרט, אויפֿן לעצטן מערבֿ־פּאַס,
אין טליִענדיקן שאַרלעך־גלי,
שטרעקן זיך נאָך אַלץ
צוויי הענט אויף די אַקסלען
פֿון ערשטן,
צוויי הענט אויף די אַקסלען
פֿון צווייטן, —
דרײַ בלינדע נעגערס —
פֿאַרקלאַמערט אין צווייען, אין דרײַען,
צעשווימען ווײַט ווי אַ וואָלקן.

באַרבאַדאָס, 1957

סאַנדעלענאַ

סאַנדעלענאַ האָט ליב דעם נעגער־יונג,
דעם פישער־יונג היימאַר, —
ווייסט נישט דאָס מיידל וואָס צו טון
און איז אומעטיק דערפאַר.

(איַי, נאַריש מיידל, סאַנדעלענאַ,
דיַין היימאַר איז נישט בלינד
און זעט — דו ביסט אויפן אינדזל
דאָס שענסטע נעגער־קינד.

ער זעט — ביסט רייף און בויגעוודיק,
ווי אַ באַמבוסל אין ווינט, —
איַי, נאַריש מיידל, סאַנדעלענאַ,
דיַין היימאַר איז נישט בלינד).

שטייט סאַנדעלענאַ ביַי איר היַיזקע,
וואָס קוקט אַרויס צום ים
און זינגט אַזוי צום פישער־יונג
מיט אַ נעץ אין דעמערפלאַם:

„ווייסט דאָך, ס׳ברענט דעם טיגערס אויג,
מיַינע גליִען ווי סאַפיר, —
היימאַר, קום און קוק זיי אָן,
צי אמת זאָג איך דיר.

ווייסט דאָך, פלינק איז די גאַזעל,
געשווינדער כ׳בין פון איר, —
היימאַר, קום און פרוּוו עס אויס,
צי אמת זאָג איך דיר”.

אויפן אינדזל שטאַרבט דער טאָג. די נאַכט
שטעלט לאַפּעס פון אַ בער.
ביַים ים־ברעג בליַיבט פון פישער־יונג
אַ שאָטן און נישט מער.

נאָר נאָענט־נעענטער ער פּאַלט דאַן צו
צום נעגער־מיידלס הויז,
פון היימאַרן מיט סאַנדעלענאַן
ווערט איין שאָטן בלויז.

און די הייסע שוואַרצע אינדזל־נאַכט
זינגט־איבער שטיל אַצינד:
„איַי, נאַריש מיידל, סאַנדעלענאַ,
דײַן היימאַר איז נישט בלינד״.

ס״ט. טהאָמאַס, 1957

אָ, סער, אָ, לײדי

לעם אינדזל סיינט-טהאָמאַס,
ווײַט פֿון ברעג, אין סאַמע ימיקן טיף,
אַן אָנגעשווים פֿון יונגע
נעגער-קעפּ אַרום דער נאָז פֿון דער שיף.

„אָ, סער, אָ, לײדי,
וואַרף אַ קוואָדער פֿאַר דײַנע שוואַרצע זין — — — —"
און אויגן — בריליאַנטן —
שפּיגלען אַרויף-אַראָפּ, אַהער-אַהין.

„מיר זענען הונגעריק!
אויפֿן רײַכן אינדזל איז בידנע, שלעכט — — — —
אָ, סער, אָ, לײדי,
שענק אַ קוואָדער דײַנע נאַקעטע קנעכט".

אַ פֿרייד אויפֿן שיפֿדעק.
דאָס גבירישע אַלטוואַרג הירזשעט און קוועלט
פֿונעם גופֿים-געבאַרבל
אין אָקעאַן צו כאַפּן דעם קוואָדער געלט.

און ווען ס'פֿאַלט אַ קוואָדער —
דער זילבער-בליאַסק איבערן ים וואָס בלויט,
פֿלייצט-אויף דאָס געראַנגל
פֿון נעגער-קעפּ, ווי פֿיש בײַ קרישקעס ברויט.

דאָרט — דאָס זוניקע
קאַריבן-אינדזל אין פּאַרפּאַלמעטן גרין.
און דאָ — דאָס שוואַרץ געוויין
פֿון זײַנע אָרעמע נעגער-זין.

דאָרט — קאָקאָס, באַנאַנעס,
דער רייפֿער זאַפּט פֿונעם גאָלד-אַפּעלסין.
און דאָ — שטומער הונגער,
דאָס געשריי-געבעט פֿון די שוואַרצע זין.

„אָ, סער, אָ, לײדי — — — —"
ציטערן די גופֿים אין ים פֿון קעלט.
די בליקן שטאַרן נאָך אַרויף-אַראָפּ,
אָבער זעלטן פֿאַלט דאָס קוואָדערל געלט.

„אָ, סער, אָ, ליידי — — —"
שטשירען די נעגער־ציין ווײַס געשאַרפט.
נאָר די דאַמען הירזשען
און קיינער פון זיי דעם קוואָדער נישט וואַרפט.

די זון זינקט אין מערב
און צינדט־אָן סיינט־טהאָמאַס גאָלדיק־רויט.
די נעגער־קעפּ שאָטענען.
די כוואַליעס זידן און קלאַפּן ווי שרויט.

ס"ט. טהאָמאַס, 1957

עלעאָנאָר מאַבו

זײַט באַקאַנט, דאָס איז עלעאָנאָר:
אויגן — קויל.
דין־געצעפּלטע האָר.
קאַווע־קאָליר — די הויט.
ליפּן — גראָב און רויט.
און ציין —
ווי געשניטענע פון העלפנביין.

אַ צענטע טאָכטער
פון איר וויסטן נעגער־שטאַם
אויף אַ זוניקן אינדזל
פון קאַריבישן ים.

וואָס זי טוט, עלעאָנאָר,
אויפן מאַרק פון שוואַרצע מוראַשקעס?
פרישן צוקער־ראָר
פאַרקויפט זי אין קיישלעך אַ פּאָר.

שטייט דאָס מיידל
אין צעפּלאַקערטן באַרבאַדאָס —
אין דאַרשטיקן גליטאָג פון נויט,
באָרוועס,
טרוקן ווי אַ באַמבוסל
און ביזן שאָפּענעם קעפּל אין קויט.

אין דער נאָרע
פון בלעטער און צווײַגן
האָט זי צוויי קינדער, עלעאָנאָר.
יאָ, מ׳דאַרף זיי זייגן,
און זי אַליין —
קוואַר, מאָגער, קליין —
אַ דין פלאַכברוסטיק מיידל
פון קוים פערצן יאָר.

זי דאַרף מילך.
זאָל זײַן קאָקאָס־נים.
כאָטש אַ באַנאַן פאַר אַ בים
זאָל זײַן.

אירע ברעקעלעך טריקענען, נעבעך,
און די מאַמע,
אײַ, דאָס פּערצניאַריק מאַמע־קינד,
ווײי און ווינד —
גײט־אײַן פון פּײַן.

אַזאַ מזל ־האָט לעאָנאָר
מיט אירע נעגערלעך דעם פּאָר.

אַרום איר —
פאַרוועלקטע בײַכיק־אָנגעפּווישטע נעגערטעס,
שטרעקן בייניקע הענט,
סלינען פון צערעפּעטע מײַלער,
בעטלען אַ סענט.

מכשפהנע העוויות, שפּיציקע כיכיקעניש,
וואָס פאַרציטערט
און שרעקט.
פאַרצאָגט און פאַרביטערט —
עלעאָנאָר
טראָגט יעדן אונטער, שטרעקט
אויס אַ בינטל פרישן צוקער־ראָר.

איר קול — כליפּ פון אַ מאַמען
פון שפּראָצלען צוויי,
וואָס טריקענען, קרענקען אין דער נאָרע
און כאַטש זי ווערט זיך פאַרזאַמען —
גאַרנישט, גאָרנישט ברענגט זי זיי.

דער פאַרביקער מאַרק רוישט
אין אָנגעגליטע בײַסיקע שטויבן.
ברודיקע הינט,
פאַרשיווע קעץ, פרייכן, וואַרטן
אַ ביין, אַ פּישל אָפּצורויבן.

דער טאָג לעשט זיך אויס,
ווי אַ גרויסע גלוטיקע קויל.
שאָטנס, שאָטנס טראָגן
אַוועק דאָס אינדזל. עלעאָנאָר, איר מויל —
פאַרפאַפּט מיט אַ שליימיקער ביטערניש,
הערט: נאָענט אַ קאַקאַדוע לאַכט,

אָבער אירע פּיצעלעך וועלן קלאָגן.
ניין, זי קאָן עס נישט הערן.
פֿאַר וויטיק —
זי וועט זיי דערשטיקן נאָך הײַנטיקע נאַכט.

דאָס איז, מײַנע הערן,
דער פּאָרטרעט — די וואָר
פֿונעם נעגער־מיידל עלעאָנאָר.

באַרבאַדאָס, 1957

דזשאָן און דזשאָון

דזשאָן און דזשאָון — דאָס נעגער־פּאָר,
קען עפּעס נישט פאַרשטיין די וועלט:
זי וואַשט וועש, ער — אַרבעט אין פּאָרט
און אַלץ אין זייער הײַזקע פעלט.

די הײַזקע — געפלאָכטן פון צוקער־ראָר,
פּוילט בײַם ברעג פון קאַריבן־ים.
דזשאָון בײַם וועש, דזשאָן — אין פּאָרט
און בײדע שלאָפן אויפן הוילן זאַמד.

זונטיק. אין פלאַם פון זונפאַרגאַנג
גליט זייער הײַזקע פון צוקער־ראָר.
דער ים ראָזט. די זון זינקט און צאַנקט.
אויפן שוועל — דאָס נעגער־פּאָר.

זאָגט דזשאָון: „דאָס קינד, אונדזער קינד,
ליגט נאָך אַלץ אין קראָקאָדילן־פעל.
אויפן אינדזל קומט שוין אָן דער ווינט
און קאַלטע רעגנס ביז דער שוועל.

מילטאָן, אונדזער איינציק קינד,
הוסט בײַ נאַכט. איך הער און וויין.
פאַר וועלכע שטראָף, פאַר וועלכע זינד?" —
קען די מאַמע נישט פאַרשטיין.

דזשאָן שווײַגט. אין זײַנע אויגן גליט
דער דעמער. נאָר פון בײדע הענט,
וואָס רוען כלומרשט, שווער און מיד —
שרײַט דער כוח פון שוואַרצע פרענט.

העט, אין צוקער־ראָר־וועלדל ברענט
די זון. דער ים קנייטשט זיך בלאָ, גרין.
דזשאָן כאַפּט אַ קוק אויף זײַנע הענט
און זיפצט: „אַז אַ שקלאַף איך בין".

„ניין, מילטאָן וואַקסט נישט קיין שקלאַף, —
ענטפערט דזשאָון, — ווי אייב וועט ער זײַן,
וואָס האָט אויפגעהויבן בראַוו
זײַן אָרעם קעגן אונדזער פּײַן — — — —"

די נאַכט פֿאַלט אַראָפּ ווי אַ שטאָר
אויפֿן אינדזל — שנעל, אומגעריכט.
פֿאַרשאָטנט זיצט דאָס נעגער־פּאָר
בײַם געשליפֿענעם שטערנליכט.

דזשאָון דרימלט. דזשאָן גראָבט מיט זאָרג
זײַן בליק, ווי אַ הונגעריקע קראָ:
„דאָס ווײַב בײַם וועש, איך אין פּאָרט,
נאָר אין הײַזקע איז גאָר נישטאָ".

טרינידאַד, 1957

יאַבאַאַס

אָ, יאַבאַאַס׳ גרויסע ליפּן,
די גראָבע ליפּן פון נעגער־יונג יאַבאַאַס,
מיט בלאָע אָדערלעך, אויפגעלאָפענע
אין פאַרסלינעטן האַס.

האַלב־נאַקעט, מיטן באַראַשקענעם קעפּל,
צווישן באַנאַנען־פּלאַנצן ליגט ער פאַר נאַכט,
קוקט אויף די געל־בלאָ־גרינע קאַקאַדוען
מיט בליציקע אויגן און טראַכט.

וואָס טראַכט ער אַצינד, יאַבאַאַס,
אויפן אינדזל אין זונפאַרגאַנג?
אויף וועמען וואַרט ער מיט די אויגן,
ווי שאַרפע האַרפּונען צום פאַנג?

דאָס פייַער פון אַפריקאַנישן דעמער
גיסט אין בלעטערוואַרג הייסן בראַנד.
ראַז קנייטשט זיך דער ים. דער שוים גילדט
דעם זאַמדיקן ראַנד.

יאַבאַאַס׳ פּנים בראָנדזט. די הענט —
ווי צוואַנגען — קופערן פלינק און שטאַרק,
און זייַנע ליפּן, אָ, די גראָבע ליפּן —
ברומען פונעם בלעטערוואַרג.

יאַבאַאַס האָט אַ ווייַב? ניין.
אַ קינד? — ניין.
ער האָט אַפילו נישט קיין צווייַגן־געצעלט,
אַ נאָרע ווו אַרייַנצוגיין.

צוויי רויטע גראָבע ליפּן האָט ער,
אַ האַלדז, מיט טיפן דזשונגל־געזאַנג
און אויגן — שפּיציקע האַרפּונען —
צום ווילדן פאַנג.

יאַבאַאַס האָט נאָך עפּעס: אַ נאָמען,
אַ שטערן — וואָס טראַכט.
און ווייַסע ציין מיט שוואַרצן צאָרן —
ווען ער לאַכט.

דער אָוונט — אַ פלעדערמויז — דעקט־צו
ס׳אינדזל — געהיים און שטיל.
ערגעץ נאָענט ליאַרעמט אַ פּאָפּוגײַ,
ערגעץ ווײַט — אַ פּאַנטערע־בריל.

קעגן דימענטענעם גלי פון די שטערן,
אין טראָפּישן גרינס פאַרנאָרעט, פאַרסכּכט, —
יאַבאַאַס׳ גראָבע ליפּן ברומען —
יאַבאַאַס לאַכט.

ס״ט. טהאָמאַס, 1957

מאַמאַדו און פּאַטו

מאַמאַדו וויל פּאַטון פאַר אַ ווײַב,
זאָגט האַידאַראַ, איר טאַטע — ניין!
סטײַטש, ער איז דאָך בלינד ווי אַ קראָט,
איז וויל ער נישט באַשטיין.

אַ בלינדער חתן, — ברומט האַידאַראַ,
נאָך דאָס האָט מײַן טאָכטער געפעלט!
ווי אַ לעמעך וועט ער טאַפּן די ווענט
און מיינען — ס'איז נאַכט אויף דער וועלט.

נאָר מיט שוואַרצע טרערן גיסט פּאַטו:
„דערהרגע נישט צו פרי דײַן קינד!
כ'האָב אים ליב דעם יינגל מאַמאַדו,
כאָטש איזן איז ער מיר בלינד".

„כ'שווער דיר, באַווו, מיר'ן האָבן זין —
אפשר זעקס, אפשר גאַנצע צען,
מיט אויגן, ווי אין דאַקאַר די זון,
מיט אויגן — וואָס וועלן זען".

„באַקוק מײַנע בריסטן, האַידאַראַ,
זע, זיי זענען קנייטשיק און אַלט;
כ'האָב דאָך שוין דרײַצן זומערס געלעבט
און טאַקע דעם פערצנטן באַלד".

און אויך מאַמאַדו דאָס יינגל וויינט:
אַ בלינדער וויינט אויך — יאַ-יאָ!
„האַידאַראַ, נישט מיין שולד, אַז גאָט
איז אין מײַנע אויגן נישטאָ".

„כ'בין ווי אַ באַמבוס טרוקן פון צער,
נו, טו מיר דײַן חסד אַציגד;
נאַ דיר מײַן האַרץ און בראָט עס אָפּ,
אַבי שענק מיר פּאַטון, דײַן קינד".

אָבער האַידאַראַ שרײַט נײַן און נײַן
און זײַן טאָכטער נעמט ער צו.
אַלײן מיט זײַן שוואַרצן יאָמער בלײַבט
דער אָרעמער מאַמאַדו.

אויפֿן באַאָבאַב וויקלט זיך די נאַכט
און דער טוקאַן שרײַט טו־קאַ־טו.
דער פֿויגל וויינט און ס'וויינען מיט אים
חתן־כּלה מאַמאַדו און פֿאַטו.

מאַמאַדו בעט צו גאָט

„נ׳גאַקאָראַ, כ׳בין פון סענעגאַמביאַ,
כ׳האָב געהאַט אַ מאַמען, וואָר!
אַ טיגער האָט זי מיר אויפגעגעסן,
ווען כ׳בין אַלט געווען אַ יאָר.

און אַ טאַטן האָב איך אויך געהאַט,
דו ווייסט עס אַזוי ווי איך.
געדענקסט, דו האָסט אים מיט פיבער
אַרויפגענומען צו זיך.

איצט שטיי איך פאַר דיר, נ׳גאַקאָראַ,
כ׳שטיי אַ באַטריבטער און וויין:
כ׳וויל האַידאַראַס טאָכטער פאַר אַ ווײַב,
נאָר ער טוט זאָגן, אַז ניין.

כאָטש זען זע איך נישט, נאָר גלייב מיר,
נישטאָ נאָך אַזאַ שיינע ווי זי —
נישט אין סענעגאַמביאַ, מעדינע
און אַפילו אויך נישט הי.

וואָר, כ׳האָב נישט קיין שום לאַבאַלאַ
צו געבן האַידאַראַן פאַר איר.
זאָג מיר, איז דען ווייניק דאָס האַרץ,
וואָס נאָך וויל ער פון מיר?" —

אין מעטשעטל איז שטיל. נ׳גאַקאָראַ,
זײַן גאָט פון עבאַנהאָלץ איז שטום.
בײַ זײַנע אַלטע פיס ליגט מאַמאַדו
און ער גלעט זיי, קושט זיי פרום.

מאַמאַדו איז בלינד. זײַן גאָט — שטום.
און שלעכט איז האַידאַראַ, שלעכט.
כליפּעט מאַמאַדו אין שוואַרצן ווינט
דורך די טיפע דזשונגל־נעכט.

דאַקאַר, 1953

סאַמבאַ בעי

סאַמבאַ בעי האָט ווײַבער צוויי,
ווי שוואַרצע פּערל עלעהיי
פון שוואַרצן סענעגאַל.
סאַמבאַ בעי האָט ווײַבער צוויי,
נאָר עסן האָט ער נישט פאַר זיי —
אין שוואַרצן סענעגאַל.

זאָגט איינע: „סאַמבאַ בעי,
זײַ נישט פויל, אין האַפן גיי,
אין האַפן פון דאַקאַר;
אַ סענט די ווײַסע וואַרפן זיי,
שפּײַז און פרוכטן כלערליי
פון שיפן אין דאַקאַר".

בעט די צווייטע: „סאַמבאַ בעי,
זע, דאָס קינד גייט-אויס מיר, ווי —
אין פיבער און אין דאָרשט;
לויף אין האַפן גיך, נישט שטיי,
ברענג אַ טעפּל קאַווע, טיי —
דאָס קינד עקט זיך פון דאָרשט".

נאָר אויפן פעל קניט סאַמבאַ בעי
און זײַנע הענט אין שטום געשריי
צו מזרח שפּרייט ער פרום;
פאַר די ווײַבער, סאַמבאַ בעי,
וואַסער בעט ער, ברויט פאַר זיי —
און די ערד קושט ער פרום.

די זון גליט-אויס איינס און צוויי,
ווי אַ שטיקל קויל עלעהיי
פון שוואַרצן סענעגאַל.
און דעם פרומען סאַמבאַ בעי
שלינגט-אײַן מיט זײַנע ווײַבער צוויי —
די נאַכט פון סענעגאַל.

דאַקאַר, 1953

מײַן פּנים איז שוואַרץ

מײַן פּנים איז שוואַרץ,
נאָר ס׳האַרץ איז קלאָר, —
איך שווער בײַ מײַן האַרץ,
האַר, אַז ס׳איז וואָר.

סענעגאַל און דאַקאַר —
איין פינצטערע נאַכט!
פון דער גומי, מײַן האַר,
פונעם קוילנשאַכט.

און מײַן גוף איז געווים
פּעט פון פּעטראָל...
נאָר פון קאָקאָס־נים —
קוואַר און שמאָל.

און דאָס ווײַב איז בלינד,
ווי זאַנזיבאַר
און קרעציק דאָס קינד,
ווי מאַדאַגאַסקאַר.

מײַן פּוס, ווי אַ פלאַנץ —
צעפּלאַצט פון מי,
ער גייט נישט אין טאַנץ
נישט דאָרט, נישט הי.

מײַן פּנים איז שוואַרץ,
נאָר ס׳האַרץ מײַנס העלט.
איך שווער בײַ מײַן האַרץ,
איך שווער בײַ דער וועלט.

דאַקאַר, 1953

איך און די פּאַלמע

די פּאַלמע איז שלאַנק,
שלאַנקער פֿון מיר.
די פּאַלמע איז שטאַרק,
שטאַרקער פֿון מיר.
נאָר איך האָב מאַרך —
ברענט ער אין מיר,
נאָר איך האָב בלוט —
קאָכט עס אין מיר.

די פּאַלמע איז אַ בוים
און איך — אַ מענטש.
און איך בין אַ מענטש —
כאָטש איך בין שוואַרץ.

די פּאַלמע איז יונג,
ייִנגער פֿון מיר.
די פּאַלמע איז שיין,
שענער פֿון מיר.
נאָר איך האָב אַ האַרץ —
שלאָגט עס אין מיר,
און איך האָב אַ ליד —
שרייַט עס אין מיר.

די פּאַלמע איז אַ בוים
און איך — אַ מענטש.
און איך בין אַ מענטש —
כאָטש איך בין שוואַרץ.

טרינידאַד, 1953

שוואַרצע וועלדער

מיר זענעןביימער,
מיר זענען שוואַרצע וועלדער,
מיר זענען שוואַרץ געררויש אין די וועלדער.

וואָיען מיר — אַהו־אַהו־אַהו —
אַנטלויפֿט דער פּאַפּוגײַ און די מאַלפּע,
דער אַנטילאָפּ און די פּאַנטערע,
די כאַמעלעאָן און דער שפּאַרבער,
אַפֿילו די קאָברע, די באָאַ־שלאַנג אַנטלויפֿן.

ווײַל אין אונדזערע קולות
איז דאָ אימה און כוח,
ווײַל אין אונדזער אָטעם
איז פֿאַראַן פֿלאַם און חורבן.

מיר זענען ביימער,
מיר זענען שוואַרצע שײַטערס,
מיר זענען דאָס שוואַרצע געוויטער אין די וועלדער.

וואָיען מיר — אַהאָ־אַהאָ־אַהאָ —
אַנטלויפֿט די שטעכלקוסט און דער דאָרנבוש,
די פּאַלמע און דער קאַקטוס,
די זאַמדן און די זומפּן,
אַפֿילו די היגלען און די אָזערעס אַנטלויפֿן.

ווײַל אין אונדזערע קולות
רײַסן־אויף וואולקאַנען,
ווײַל אין אונדזער אָטעם
קאָכן־אויף אָקעאַנען.

אָבער מיר, סענעגאַלער,
ווילן נישט זײַן קיין שוואַרצע וועלדער.
אָבער מיר, סודאַנער,
ווילן נישט זײַן קיין שוואַרצע שײַטערס.

מיר ווילן זײַן —
שטילע זונגעפּלעקטע, זאַטע באַמבוס־בלעטער.

דאַקאַר, 1954

הייב דיך אויף

שוואַרצער בירגער, הייב דיך אויף פון שטויב.
אין יעדער טיף־נאַכטיקער שויב
פון דייַן לאַנד ברענט שוין די זון פון נייַעם טאָג.
הייב דיך אויף, הער זיך אייַן צום ווינט —
ער ברענגט דיר אַצינד
אַ גרוס פון אַלע וועגן און זאָגט:

לאַנגסטאָן יהוז, דייַן ברודער פון מיסורי,
האָט קיין מאָל נישט געוויינט.
דער דאָזיקער שוואַרצער פעלדז
בייגט זיך נישט פאַר קיינעם אין דער וועלט.
ווי אַ געצונדענער וואַלקן ברענט
זייַן וואָרט פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט.

זעסיע אָווענס — די פויסט,
דער בראָנדזיקער אָרעם פון האַרלעם, —
שטרעקט זיך שטאָלץ און גרויס,
ווי דער פרייַהייט־פאַקל פון אַמעריקע,
דער מיסיסיפּי ליאַרעמט אין זייַן בלוט
מיט צאָרן און מיט ליבשאַפט — מ ע נ ט ש!
און דורך זייַן הויט זוניקט דער שוואַרצער פלאַם
פון דייַן שיינעם נעגער־שטאַם.

ראָבסאָנס טיף־געדערעמדיק קול
צעגראָבט מיט בלאַנקן שטאָל
די פאַרגליווערטע ברונעמס פּייַן.
פון זייַן ברוסט־קאָוואַדלע שלאָגט
ער אַרויס די הייסע פונקען שייַן
פון מאָרגנדיקן טאָג.

אַפילו די צאַרטע האַרף — די אַנדערסאָן,
דייַן שוועסטער — צינדט־אָן
דאָס גרויסע פייַער פון איר שטראַליק ליד
אין בין־השמשותדיקן וועלט־געמיט.

און פון יעדן שאָטן אין די נעכט
וויגן זיך אַרויס צום גערעכטיקן געפעכט,
ווי שווערע אייַזערנע פּרענט —
לינקאָלנס צוויי גבורהדיקע הענט.

סאַנטאָס, 1954

שוואַרץ און ווײַס

דער נעגער חלומט ווײַס —
אַ גלאָז מילך, אַ לעפל רײַז
וויל ער האָבן צו דער זעט,
אַ העמד, אַ לײַלעך אויפן בעט.

דערווײַל ליגט ער אויפן אַספאַלט
הונגעריק, ס׳איז אים קאַלט
און וואָס ס׳איז ווײַס — איז
דער באַנדאַזש אויף זײַנע פּיס.

קלאָגט ער און יעדע טרער
איז ווי באָב — גרויס און שווער:
„כ׳בין נאַקעט, כ׳בין הויל — — —"
און ווײַס שלאָגט אים פּינע פון מויל.

דער נעגער חלומט אויך בלאָנד,
יאָ, אַ פרוי — אָט גייט זי נאָענט
פאַרבײַ אים דורך די הענט —
אויפן שאָטן פון די ווענט.

דערווײַל שלאָפט ער איינער אַליין
מיט פאַרגליטע שאַרפע ציין
און וואָס ס׳איז בלאָנד — איז
דער יאָדינע־פלעק אויף זײַנע פּיס.

שעלט ער און אַ הייסער קנויל
האָס זעצט פון זײַן פלאַמיק מויל:
„כ׳בין עלנט, כ׳דאַרף אַ ווײַב — — —"
און ס׳פיבערט אים דאָס לײַב.

דער נעגער חלומט ווײַס און בלאָנד,
שרײַט און קלאָגט, שעלט און מאָנט,
וואָס ער האָט נישט און וואָס ער וויל —
נאָר דערווײַל שטאַרבט ער שאַ־שטיל.

סאַנטאָס, 1954

אַ נעגער לאַכט

אַז זיי אַליין — די ציין,
דאָס אויפגעבליצטע ביין,
די ווײַסע שורות שוואַרצע גבורה
טוט אַ שפּאַר פון זײַן אויפגעריסן מויל —
איז עס לאַכנדיקער גרויל,
אַנגסט פון זײַן גאַנצן נעגער־שטאַם.

זײַן גאַמבע, דער האַרטער קין
שנײַדט זיך פּלוצעם אויס שאַרף און דין,
ווי אַ קינזשאַל. באַלד
פאַלדעוועט זיך אָן זײַן שטערן
און אַ קלינגל — יעדער פאַלד.

די גראָבע ליפּן ווערן רויטער, ברייטער
און ציטערן איינע אויף דער צווייטער,
ווי קישקעס אויפגעלאָפענע מיט בלוט —
קײַכנדיקער האַס און ווּט.

זײַנע אויגן — שפּיציקע שײַטערס צוויי —
אין תהומיק וויי־געשריי.

זײַן קול —
טויזנט קולות גאַל:
זאַנזיבאַר,
מאַדאַגאַסקאַר,
סענעגאַל.
מעכטיקע קולות און ווידערקולות מיט אַ מאָל
קײַקלען זיך ווי דונערן אין טאָל.

אַז דער נעגער לאַכט —
לאַכט מיט אים זײַן לאַנגע נאַכט.
דאָס געצונדענע ליכט
פון שטאָט ברענט אויף זײַן געזיכט —
אַ שריפה גלי און שײַן
פון צאָרן,
צער און פּײַן.

און ערגעץ ווו
ברעכט זיך אויף און קראַכט
די פרייד, די זעט,
דאָס בעט, די רו —
ווען אַ נעגער לאַכט.

סאַנטאָס, 1955



אמעריקאניש

...„נישט קיין בלומען — נאָר דאַנק,
נאָר לויב ברענגט מען דיר;
נישט קיין טרערן — נאָר גליק,
נאָר פרייד איז דיַין רום און ציר".

אייבערהעם לינקאָלן

דאָרט — אין דער העלנדיקער הויך,
זיצט אייבערהעם לינקאָלן.
און דאָ — אין דער זוניקער נידער,
שטייט זײַן פילקאָלירִיק פאָלק —
זײַנע שוועסטער און ברידער.

זונטיק-זון
און אַ ליבע וואַרעמקייט אין וואַשינגטאָן.
געפלייץ פון ליכט און פרייד.
פון סאַמע גאַנץ פרי אָן —
רוישיק-האָפערדיקע טריט
און אויפגעשמייכלטע רייד.

אַ געדיכט געוויג און געשטיג —
מיט גרינעם פרילינג אין בליק
פון יונג און אַלט, פּיס און קעפּ
אויף הויכע קלאָר-ווײַסע טרעפּ,
אויף צענדליקער מאַרמאָר-ברייטע טרעפּ —
צו זען, ווי ער אַליין
זיצט אין טיפן פאָטעל פון שטיין,
צו זען דעם פעסטן מאַן
מיט די מאַסיווע פּיס,
מיט די שווערע הענט,
מיט די מילדע אויגן
אין זוניקע שטרייפן פאַרצויגן,
מיטן טראָציק-רונדן בערדל —
צעקעמט מיט ליכט
און בראָוו צום גרויסן טאָג געווענדט —
אייבערהעם לינקאָלן.

אָ, גבורהדיקער זיידע,
מויערדיקער מאַן און באַפרײַער,
זע, דײַן פילקאָלירִיק פאָלק דאָס געטרײַע,
זע, דײַן פאַרשוועסטערטע, פאַרברידערטע עדה
זאַמלט זיך בײַ דײַנע שטאַרקע פּיס
און קוקט אַרויף צו דיר —
מעכטיקער דעמאָקראַטישער ריז

פון דער מעכטיקער פרײַער אַמעריקע —
איײבערעהעם לינקאָלן.

נישט קיין בלומען —
נאָר דאַנק,
נאָר ליבע ברענגט מען דיר.
נישט קיין טרערן —
נאָר גליק,
נאָר פרייד איז דײַן רום און ציר.

איײבערעהעם,
אָרעאָליק שטראַלט אַרום דײַן קאָפּ
די קרוין פון אַכט און פערציק שטערן
און פון דײַנע דיקע ליפּן
קען מען דײַטלעך הערן
בענטשסטו פריידיק אַראָפּ
פאַרן האָב און גוטס פון דײַנע זאַטע
אַכט און פערציק שטאַטן.

זונטיק־זון
און טיפע פרייד אין וואַשינגטאָן.
די רויטוויַיס־געפּאַסיקטע פאָן
און דער אָבעליסק — גראָד און בלאַנק
הינטערן העלנדיקן ווײַסן הויז,
ציִען זיך ווי אַ קרעפטיק גרויס
און אייביק געזאַנג
אין אויסגעבלויטן הימל אַרײַן —
אײַנגעטונקען אין זונענשײַן.

איײבערעהעם לינקאָלן,
ס'איז דײַנס דאָס מעכטיקע געזאַנג —
דאָס אייביקע געזאַנג פון דײַן פרײַער אַמעריקע.

וואַשינגטאָן, 1957

פרילינג און שניי

פרילינג —
און ס'שנייט אין ברוקלין.
אין רינוועס, קאַנאַוועס
זינגט אומעטיק
דער שנייִיקער אַפּריל־פּרימאָרגן.

געדיכטער געפּלי
פון פּוכקע ווײַסע פליטערלעך —
אַזוי שעהען, שעהען.
איבער אַלטע רויטציגלנע דעכער
שפּרייט זיך הויך
שטילע קילע העלקייט.

אויף נעציקער ווײַסקייט
פלעקן שוואַרץ פאַרוואָגלטע פייגל.
זיי צעשנאָבלען שפּיציק
מיט אומהיימלעך געשריי
דעם לעצטן ווינטער־פּייזאַזש.

לאַמטערן־סלופּעס,
ווי פאַרלאָזטע איינזאַמע לײַט —
וויינען לאַנג
מיט גרויסע שניי־טרערן.
דער ווינט דעקט־אָפּ
זייער אַלטן ברוינעם זשאַוועך.

אַ ביימל —
אין ווײַס־געצירטע גירלאַנדן
וויגט זיך אַליין,
טרייסלט־אָפּ פון זיך
דעם קאַלטן פאַרשנייטן פרילינג.

עטלעכע זון־הערנער
שטעכן דורך די פּעלציקע וואָלקנס,
אָבער זיי פאַרגלייִען גיך
אין טריבן אַפּריל־טאָג,
וואָס זינקט אַרײַן אין טיפער העלקייט.

פרילינג —
און ס'שנייט אין ברוקלין.

ברוקלין, 1957

לבנה איבער ברוקלין

העגנט איבער ברוקלין
אזא שיינע קײלעכיקע, פול־חודשדיקע לבנה —
און קײנער קוקט נישט אויף איר.

ס׳איז נאַכט פון שפּראָץ און בלי,
פון יונגשאַפט,
פון ליבשאַפט.
ס׳איז נאַכט פון ליד,
פון חלום.
ס׳איז אַפּריל־נאַכט, פרילינג —
און קײנער קוקט נישט אויף דער לבנה,
וואָס העגנט איבער ברוקלין.

בלויז אַ פרעמדער פּאָעט
וויל נישט אַרײַנגײן שלאָפן.
שטײט ער אַלײן אין דרויסן
און קען זיך נישט שײדן מיט דער לבנה.

די אַלטע געדיכטע בלאָקן־הײַזער,
ווי גלײַכגעשניטענע ציגלנע קאַסטנס —
הויערן פינצטער און שלאָפן.
ס׳איז שטיל אַרום פּענסילווײניע,
ניו־דזשוירזשי, ליוואַניע און ווערמאָנט־גאַסן.
ס׳איז שטיל צווישן די עוועניוס
פון איסט ניו־יאָרק,
פון ברוקלין.

אָט־אָט —
איבערגעפּאַקטע סאָבוויים.
געדרענג און געיעג.
שאַפּ. האַררי־אַפּ.
מי און שוויים.
ראָד און מאַשין —
ווער זאָל קוקן אויף דער לבנה פון ברוקלין?

און ווו איז די יונגשאַפט,
די אײביקע ליבשאַפט?
ווו איז דאָס קול פון זי און ער,

דער שעפּטש און קוש —
דער אויפגעבליטער פרילינג
אין די האַרץ־הערצער פון דער יונגשאַפט ?

און דער נאַרישער פּאָעט
וויל נישט אַרײַנגיין שלאָפן.
ער שטייט אין דרויסן
און קען זיך נישט שיידן מיט דער לבנה.

אַ הויכער שטאָלענער פויגל,
נאָך איינער,
נאָך צוויי און דרײַ —
צעהוידען און צעהודען
דאָס שטילע טיפע געשטערנטע הימלבלוי.

אַ שאַרפע וואָרענונג־סירענע,
נאָך איינע,
נאָך צוויי און דרײַ —
חלפן דורך די ברייט־ווײַטע עווענױס
מיט אײַליקן געוויין
און עקן זיך פּלוצעם אין דער שטילקייט.

אַן אייבערשטער שנעלצוג,
נאָך איינער,
נאָך צוויי און דרײַ —
בראַזגען פאַרבײַ די דעכער מיט טומל
פון שווערן שטאָל און אײַזן
און ציטערן־אויף ביזן גרונט די הײַזער —
דעם שלאָף און די רו.

און איבער ברוקלין
בלאַסט אַראָפּ די שיינע פולע לבנה —
אָבער קיינער קוקט נישט אויף איר.

בלויז דער פרעמדער נאַרישער פּאָעט
וויל נאָך אַלץ נישט גיין שלאָפן.
ער שטייט איינער אַליין
אין אַלע מאָל פּלוצעם אויפגערוישטן
און פּלוצעם אײַנגעשטילטן דרויסן —
און קען זיך נישט שיידן מיט דער לבנה.

ברוקלין, 1957

טויבן אַרום טײַמס סקווער

אַרום טײַמס סקווער —
וואָלקנקראַצערס, שטאָקן טרעפּ, שויבן.
וויפל? — טויזנטער.

אַרום טײַמס סקווער —
אויטאָס, מענטשן, פּיס און רעדער.
וויפל? — מיליאָנען.

געדרענג און געשפּאַר.
געאײַל און געפּאַר.

אַרום טײַמס סקווער —
טויבן. טשאַטעס גרויע טויבן.
וויפל? — הונדערטער.

און די אויטאָס שוועבן,
די טויבן — פלאַטערן.

וווּהין שוועבן די אויטאָס?
וווּהין פלאַטערן די טויבן?
קיינער פרעגט נישט.
קיינער ענטפערט נישט.

געדרענג און געלויף
הין-צוריק, אָפּ און אויף.

ס'איז טאָג —
גרויסער שווערער ניו-יאָרקישער טאָג.
זאָט אין שטאָלענעם כרך,
אין קאָכיקן טײַמס סקווער.

אויטאָס, מענטשן, פּיס און רעדער.
וויפל? — מיליאָנען, מיליאָנען.
און אין מיטן —
טויבן, טויבן, טויבן
צווישן געלויף און געשפּאַר,
געדרענג און געפּאַר.

ווער דאַרף דאָ די טויבן?
מען דאַרף, מען דאַרף.

אין צעמענטענעם אומעט פון טײַמס סקווער
זענען טויבן ברעקלעך לוסט,
טראָפּנס אויפגעבליצטע פרייד —
יונגע און אַלטע,
שטילע און הויכע געלעכטערלעך.

טויביש־צאַרט
ווערט דער גרויסער טאָג
אין ניו־יאָרקישן זאָט.
טויביש־שטיל
ווערט דאָס צעשריגענע געמיט
אין רוישיקן טײַמס סקווער.

טויבן אַרום טײַמס סקווער.
גרויע,
גרויע
און איינע נישט קיין ווײַסע
אין געשפּאַן,
געשפּאַר,
אין געדרענג,
געפּאַר —
פון וואָכיקן, קאָכיקן ניו־יאָרק.

ניו־יאָרק, 1957

אַפּריל אין באַלטימאָר

אַפּריל.
פרילינג אין באַלטימאָר.
די רויזן,
טוליפּאַנען
און דער ווייַס־ראָז־וויאָלעטער בעז
פלאַקערן אין די ברייטע,
גרינגעטונקענע אַלייען.

דאָ —
אַ צעבליטער עפּלבוים,
ווי אַ ווייַס־אויסגעצירטע כלה
און דאָרט —
אַ יונגער קאַרשנבוים,
אָפּגעשיט אין ראָזעווע בליטן —
פאַרשמעקט ביז שיכּרות די עוועניוס
אָסווינגאָ,
סמיט,
דאָלפיעלד.

דאָס יונגע געצונדענע גרינס
ברענט אַרום טרעפּ,
שוועלן,
טירן.
איבער ווערענדעס וויקלט־אָן דער פרילינג
כלעריליי ווילדשיינע פלאַנצן.

אַפּריל.
פרילינג אין באַלטימאָר.
אין די טיף־בלאָ־געשטערנטע נעכט
הערט מען —
קנאָספּן פּיקן און עפענען זיך.
פילט מען —
די לופט דופטיקט מיט האָניק.
זעט מען —
די גרינקייט יערט
און שפּריצט ראַשיק פון דער ערד.

די אינדערפריִען
גייען־אויף שטיל, דין־פֿאַרנעפּלט,
נאָר די זון וויקלט גיך אָפּ
דעם מילכיקן שלייער
פֿון מויערן־שפּיצן,
טורעמלעך,
קלויסטערס,
פֿילשטאָקיק־הויכע פֿאַרגולמטע הײַזער.

דורכזיכטיק בלויט די לויטערקייט
און דאָס צעטריפטע זונגאָלד
וואַשט אוןווישט אָפּ כסדר
די לעצטע פֿאַרעקשנטע טראָפּנס נעפּל.

אַפּריל.
פֿרילינג אין באַלטימאָר.
און די אַלייען־עוועניוס שטייען אין גרויסן פֿלאַקער
פֿון ווײַסע,
רויטע,
וויאָלעטע,
ראָזעווע קאָלירן.

באַלטימאָר, 1957

קאַרשנצווייט

קומט אַרויס,
קומט אַרויס ווײַס, שוואַרץ, בלאָנד און געל,
קומט אַרויס,
קומט אַרויס קינד און קייט, יונג און אַלט,
קומט און זעט דעם ליכטיקן װוּנדער —
דעם קאַרשנצווייט פון וואַשינגטאָן.

קומט אַרויס און זעט
די בליִענדיקע צוויבער־פּראַכט,
די ווײַס־בלענדיק אויפגעהעלטע שיינקייט,
וואָס דער פרילינג האָט אַהער געבראַכט.

וואַשינגטאָן —
אין ליכט פון באַנײַונג.
וואַשינגטאָן —
אין שײַן פון יונגשאַפט.

זעט —
אַלע וועגן און פּלעצער,
אַלע מויערן און טויערן,
אַלע ווענט און פענצטער
בליִען אַרויס פון די קאַרשנביימער.
פילט —
אַלע פּנימער און אויגן,
אַלע הערצער — מיליאָנען הערצער —
פריידיקן אַרויס פון די קאַרשנביימער.

וועלכער איז דער קאָליר פון פריידן?
ווײַס!
וועלכער איז דער קאָליר פון פרידן?
ווײַס!

קומט אַרויס —
קומט אַרויס —
וואַשינגטאָנס, לינקאָלנס קינדער,
קומט אַרויס —
ווײַס און שוואַרץ, בלאָנד און געל
און טוט אײַך אָן די ווײַסע פרידן־פרייד.

אויבן בלויט דער הימל,
אונטן גרינט די ערד
און אין מיטן —
אַזוי פיל ליכטיקע בליטן,
אין מיטן —
אַזוי פיל פרידן־צוויטן.

קומט אַרויס —
קומט אַרויס און זעט דעם ליכטיקן צויבער,
דעם יומטוב פון באַנײַטער פרייד;
קומט אַרויס —
קומט אַרויס און פילט די יונגשאַפט, דעם פרילינג —
דעם קאַרשנצוויט פון וואַשינגטאָן.

וואַשינגטאָן, 1957

ליטל־ראָק

לינקאָלן,
הייב דיך אויף פון דײַן שטייניקן פּאָטעל
און שפּרײַז אַוועק קיין ליטל־ראָק.
פּאַביום מאַטערט דײַנע באַפרײַטע ברידער.

איך, אַ ייִדישער פּאָעט,
ברענג דיר אַ פינצטערן גרוס
פון דײַנע קאָלירהויטיקע קנעכט
אין צפון־אַפריקע,
אין מערב־אינדיע,
דאַקאַר און מעדינע,
באַרבאַדאָס און סיינט־טהאָמאַס,
טרינידאַד,
בראַזיל און האַרלעם.

(אין טרינידאַד
האָב איך געזען דאָס שוואַרצע
פאַרגרווילטע געשטאַלט פון אַ געלינטשטן —
קאָפּ־אַראָפּ זיך וויגן אויף אַ בוים.
בלויז דער טאָג האָט טריב געכליפּעט.

אין סאַנטאָס
האָב איך געזען דאָס טויטע
פאַרקרומטע פּנים פון אַ געשטאָכענעם נעגער —
מיט אַ מעסער אין בויך
און אַ ווײַסע קאַץ האָט געלעקט זײַנע געדערעם).

אומעטום האָב איך געהערט
דאָס געשריי פון דער שוואַרצער הויט.
אומעטום האָב איך געזען
דעם גלי פון געצונדענעם נעגער־צאָרן.

אומעטום האָב איך געהערט
זייער ליד, וואָס ווערט געבוירן אין פּײַן.
אומעטום האָב איך געזען
דעם שוואַרצן פלאָם פון פאַרפּויסטיקטע הענט.

אָ, גבורהדיקער האָלצהעקער,
דריי אוים דײַן שווערן מאַסיוון רוקן
צום בראַנדיקן וואָלקן —
דעם וואַנזיניקן המון פון אַרקענזעס
און זע, ווי צום שאַנד
פון דײַן ריזיק דעמאָקראַטיש לאַנד
אין ליכט פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט —
פלאַקערט דער גרויסער ראַסן־שײַטער
אין קליינעם ליטל־ראָק.

ווײַס מיט שוואַרץ
שטייט געשפּאַנט אין אָנגערייצטן געפּעכט.
פויסט אויף פויסט
פון ברודער מיט ברודער —
אין בייניקן געראַנגל פון שאָטן מיט זון.

פאָובוס און אײַזענהאַוער.
שטעכלדראָט און באַגנעטן.
בלוט און טרערן.
האַס.
צאָרן.
שנאה און וויי אין הויך־צעשטראַלטן בײַ טאָג
פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט.

(און לאַנגסטאָן יהוז פון מיסורי
איז נאָך דײַן יונגע ריטמישע פרייד.
אָוועגס' גלאַנציק־שטאָלענער מוסקל
איז נאָך די גלאָר פון דײַן קראַפט.
און אַנדערסאָנס האַלדזיקע האַרף
צויבערט נאָך אויס די טרער און דעם קוש
פונעם טרויעריקן מיסיסיפּי —
צום פריילעכן האָדסאָן).

צוואָנציק מיליאָן נעגער־ברידער
אין דײַנע אַכט און פערציק שטאַטן
זענען פערציק מיליאָן געצונדענע פויסטן.
אָבער צוואָנציק מיליאָן פּאָר בלוט־פאַרגאָסענע אויגן
גליִען אַרויף צו דיר
אין איין אומגעהײַער טיפבּרומיק געשריי:

— מעכטיקער באַפרײַער,
קום באַפרײַ אונדז ווידער!
גבורהדיקער דערלייזער —
קום, דערלייז אונדז ווידער!

לינקאָלן,
שפּאַן אַראָפּ פֿון דײַן שטייניקן פּאָטעל
און אײַל אַוועק קיין ליטל־ראָק —
פּאַרוויכם פּײַניקט דײַנע באַפרײַטע ברידער.

ניו־יאָרק, 1957

טײטשצעטל

(לויטן סדר פון די לידער)

קאָנוועטיזשעס (קאָנווענטיזשאָס) — **אָרעמע שכנים־הײַזער.**

אַלפּאַרגאַטן (אַלפּאַרגאַטאַס) — **שפּאַרגאַטן, לײַוונטענע שיך.**

קאַטרעס — **צונויפּלייג־בעטלעך.**

טאַבערנעס (טאַבערנאַס) — **שענקהײַזלעך.**

מעדיאַ לונאַס — **ראָגלען.**

גראַפּע (גראַפּאַ) — **בראָנפן.**

פּאַטיע (פּאַטיאַ) — **אָפענער הויף.**

פּאָברע — **אָרעמער.**

מאַטע — **אַ מין דרום־אַמעריקאַנער טיי.**

קאַמיסאָנען (קאַמיסאָנעס) — **פרויען־נאַכטהעמדער.**

טשיסטעס — **וויצן, שפּאַס.**

סינע — **קינאָ.**

טשאַנגע (טשאַנגאַ) — **צופעליק פאַרדינסטל.**

טאָלדע (טאָלדאָ) — **ברעזענטענער איבערדעק.**

וואָלטע (וועלטאַ) — **קורצער שפּאַציר.**

פּיצע (פּיצאַ) — **איטאַליעניש פלעצל.**

סעמיזשאָן — **ווײַסער ווײַן.**

אַ לאַ זשאַפּע (אַ לאַ זשאַפּאַ) — **פאַר אַ צולאָג.**

סיעסטע (סיעסטאַ) — **נאָכמיטיק־שלאָף.**

טשינאַס — **געבירטיקע פרויען.**

פּעינעס — **קעמלעך.**

עלאַסטיקאָס — **גומענע בענדלעך.**

קוואַדרע (קוואַדראַ) — **קוואַרטאַל.**

אַסאָטעאַס — **טעראַסעס.**

פּאָברע רוסאָ — **אָרעמער רוס, עס מיינט: אָרעמער פרעמדער.**

פּעאָנעס — **שוואַרץ־אַרבעטערס.**

פּאָנדעס (פּאָנדאַס) — **גאַסטהײַזלעך.**

גאַלפּאָן — שאָפּע, סקלאַד.

סקינע (עסקינאַ) — **ראָג.**

באַריאָס — **געגנטן.**

פּערסיאַנעס (פּערסיאַנאָס) — **שפּאַנישע לאָדנס.**

פּוענטע דע סאָדאָס — **סאָדעוואַסער־קרעמלעך.**

טשיטשאַ — **בראָנפן.**

טשאַוטשאַ — **טשילענער 20־סענטיקע מטבע.**

אַדאָבע — **ערד, געמישט מיט וואַסער.**

קאַלבוקאַ — **נאָמען פון אַ באַרג.**

דיוקאַ — **נאָמען פון אַ פויגל.**

אַלגאָס — **טײַך־גראָזן.**

גאַליטען (גאַזשעטאָס) — **סוכאַרעס.**

קועקאַ — **נאַציאָנאַלער טאַנץ אין טשילע.**

קינטראַלן — **וואַלד־בלומען.**

באַטאַ — **הויזקלייד.**

קאָפּיהוע — **אַ סאָרט רויטע בלומען.**

גאַבאַן — **אויבעררראָק.**

קאַראַבינער (קאַראַבינעראָ) — **פּאָליציימאַן.**

פּאַוועלאָס — **אָרעמע הײַזקעס אויף באַרג־געגנטן.**

פּאַן וועליאַ — **אַלט ברויט.**

דישטאָן — **בראַזיליענער 25־סענטיקע מטבע.**

פּייזשאָן — **שוואַרצע בעבלעך.**

מאַמאָן — **אַ סאָרט מעלאָן.**

מאַקאַ — **אַן אינדוסטריעלע געגנט.**

אורובו — **טראָפּיקאַלער פויגל.**

פּינגאַ — **בראָנפן.**

פּיאַצאַ — **פּלאַץ, סקווער.**

פּאָנטע דעי סאָספּירי — **בריק פון די זיפצן.**

בעללאַ דאָננע — **שיינע פרויען.**

דועטשענטע לירע — **צוויי הונדערט לירעס.**

גאָנדאָליער — **גאָנדאָלע־פירער.**

גידאַלגאָ — **פּאַרליבטער, סערענאַדע־שפּילער.**

מאָבי, באָאָבאַב — **ביימער אין אַפריקע.**

קאָקאָדוען — **פּאָפּוגײַען.**

האַרפּונען — **פּאַנגשטעקנס.**

באַווו — **פּאָטער, עלצטער.**

טוקאַן — **טראָפּיקאַלער פויגל.**

ג׳גאַקאָראַ — **גאָט.**

לאַבאָלאַ — **אויסשטײַער, נדן.**

אינהאַלט:

זײַט

9 דב סדן — אַ פּאָעט צווישן לודמיר און אַרגענטינע

וואָליניש

29 באַגינען
30 זינגענדיקע קאָסעס
31 ווילִיאָן
32 בידנע כאַטעס
33 פאַר נאַכט
34 מאַרוסיענקאָ, טאַנץ!
35 אָרעמע פויערטעס
36 אַ לירניק
37 צום „שליוב"
38 אַ פײַפל אין קאָרן

אַרגענטיניש

43 אויף פּלאַסאָ אָנסע
45 בלוט און זון
47 דאָס הייליקע ברויט

אַרום מערקאַדאָ אַבאַסטאָ

49 די געגנט
50 דאָניאַ מאַריע
51 ליבע
52 אַ זקנה
53 זונטיק־רו
54 דער טויט
55 די „סיעסטאָ"
56 פלייש
57 אַ שלײַפער
58 אַ שפּילקאַסטן

טשילעניש

63 נאַכט אויף סאַן דיעגאָ
65 ב
66 ג
67 ד

זייט

68 אַ׳היגינס
69 אַווע מאַריאַ
70 באַלאַדע פון באָרוועסן געוויין
73 אויף פּלאַסאַ אַלמאַגראַ
75 לבנה־באַלאַדע
78 באַלאַדע פון באָהעם און שענקמיידל
80 מאַטראָזן־באַלאַדע
83 באַלאַדע פון די שטיינערנע טויבן
86 וואַגאַבונדן
90 רו אין ווײַסן שטיין
92 באַלאַדע פון פּאַלמיראַס אומעט
94 נאַכט־באַלאַדע פון ווײַן און וואַנזין
97 באַלאַדע פון דער פּליט
100 באַלאַדע פון לוסמיראַ אויף טאַראַפּאַקאַ
103 באַלאַדע פון דער „טשאַוטשאַ״
105 באַלאַדע פון מעוברתן גאַסנמיידל

בראַזיליעניש

111 בעטלערס אויף פּראַטעס
113 רואַ דאַ גראַסאַ
114 אויף פאַוועלאַ
115 זשאַקומאַ
116 פּאַן וועליאַ
117 זילדאַ פון מאָקאַ
119 קומאַיאַ
121 דעמער אין טרעמעמבע
122 רואַ מאַוואַ
123 קאָפּאַקאַבאַנאַ
124 ב
125 ג
126 ד
127 זשעסאַניטאַ
128 קאַרמען
130 שוואַנען
131 איטאַפּעטינינגאַ

איטאַליעניש

נעכט אין ווענעציע

137 גאָנדאָלעס
138 „טרע גאָבי״

זײַט

139 וועראָנדעס
140 טאָכטער ווענעציאַנער
142 דזשאָוואַני
144 פּאָנטע דעי סאָספּירי
146 וויִאַ די פּרע

ווענעציאַנער מאָזאַיִק

147 טרעפּ און באַלקאָנען
148 קעץ און טויבן
150 שויבן און מיידל־פּנימער
152 שטערן און גאָנדאָלעס

אַפֿריקאַניש

159 טראַפֿאַלגאַר סקווער
161 דרײַ בלינדע
163 סאָנדעלענאָ
165 אָ, סער, אָ, לײדי
167 עלעאָנאָר מאָבו
170 דזשאָן און דזשאָון
172 יאָבאָאָס
174 מאַמאַדו און פּאָטו
176 מאַמאַדו בעט צו גאָט
177 סאַמבאָ בעי
178 מײַן פּנים איז שוואַרץ
179 איך און די פּאַלמע
180 שוואַרצע וועלדער
181 הייב דיך אויף
182 שוואַרץ און ווײַס
183 אַ נעגער לאַכט

אַמעריקאַניש

189 אייברעהעם לינקאָלן
191 פּרילינג און שניי
192 לבנה איבער ברוקלין
194 טויבן אַרום טײַמס סקווער
196 אַפּריל אין באַלטימאָר
198 קאַרשנצוויט
200 ליטל־ראָק

ביכער פון זעלבן מחבר:

גײזאַנג אויף דער ערד (לידער און באַלאַדעס), בוענאָס אײַרעס, 1941.

מיט לײב און לעבן (לידער און באַלאַדעס), בוענאָס אײַרעס 1943.

אַ פײפל אין פרימאָרגן (ליריִשע לידער), בוענאָס אײַרעס, 1944.

ברויט מיט חלום (לידער פאַר קינדער), פאַרלאַג „שול־ביבליאָטעק", בוענאָס אײַרעס 1950.

די װעלט פאַרבעט מיך שטאַרבן (לידער און באַלאַדעס), בוענאָס אײַרעס, 1950. (צבי קעסעל־פרעמיע, מעקסיקע, 1950)

מײנע ליבע־בריװעלעך צו פרומעטן (פּאָעמע), בוענאָס אײַרעס, 1952.
(ליטעראַטור־פרעמיע פון דער קהילה אין בוענאָס־אײַרעס, 1954).

פײזאַזשן פון ישראל (לידער), בוענאָס אײַרעס, 1954.
(אַדאָלף ניומאַן־פרעמיע בײַם אַל' ייִד' קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957).

איך און דער ים (לידער), בוענאָס אײַרעס, 1958.

די שײנע רויז (טעג און נעכט פון אַ מײדל), פאַרלאַג „דאָס פּױלישע ייִדנטום", בוענאָס־אײַרעס, 1964.

די באָרװעסע װאָך (לידער און באַלאַדעס), פאַרלאַג „חבֿרשאַפט", ב'אײַרעס 1972.

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina

Copyright by
Kéhos Kliger
Buenos Aires, 1972

Hecho el depósito que marca la ley 11.723

Este libro se terminó de imprimir el día 30 de junio de 1972, en los Talleres Gráficos Zlotopioro S.A.C.I.F., Sarmiento 3149, Buenos Aires, Argentina.

KEHOS KLIGER

DI BORVESE VOJ

(LA SEMANA DESCALZA)

Poemas y baladas

(1937 - 1957)

Editorial "Javerschaft"

Buenos Aires

1 9 7 2